STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05170

FASHIZM UN KOMUNIZM

David Shub

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. שוב

פאַשיזם און קאָמוניזם

ווי אזוי מאָסקווע האָט געהאָלפן ברענגען פאַשיזם און נאַציזם אויף דער וועלט

פרייז 10 סענט

פארלאַג „וועקער"
ניו יאָרק, 1939

אינהאַלט

איינלייטונג 3

1. די רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע אין אונגאַרן ... 5

2. ווי אַזוי דער קאָמוניזם האָט געהאָלפן ברענגען דעם פאַשיזם אין איטאַליע 11

3. ווי אַזוי די קאָמוניסטען האָבען אונטערגעמינעוועט די דעמאָקראַטישע דייטשע רעפובליק 18

4. דער פאַראייניגטער פראָנט פון די קאָמוניסטן און נאַציס וואָס האָט פאַרניכטעט די פרייע רעפובליק אין דייטשלאַנד 23

5. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די רוסישע באָלשעוויקעס 32

6. ווי אזוי מאָסקווע און די קאָמוניסטען האָבען „געקעמפט" געגען פאַשיזם 37

7. דער קאָמונאַצישער בונד — רויטער פאַשיזם און ברוינער באָלשעוויזם 42

איינלייטונג

די וועלט איז ערשטוינט געוואָרן, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דעם 23טן אויגוסט 1939 האָט סאָוועט־רוסלאַנד אונטערגעשריבן אַ פריינדשאַפטס־אָפּמאַך מיט היטלער׳ן. זייער ווייניק מענטשן האָבן געגלויבט און נאָך ווייניקער מענטשן האָבן געוואוסט, אַז סטאַלין האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געזוכט צו קומען צו אַ פריינדלאַכער פאַרשטענדעניש מיט היטלער־דייטשלאַנד. אין פאַרלויף פון עטלאַכע יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די קאָמוניסטישע ציימונגען פון דער גאַנצער וועלט געהאַלטן אין איין געוואַלדעווען, אַז סאָוועט־רוסלאַנד און די קאָמוניסטן זיינען די איינציקע וואָס באַקעמפן אויף אַן אמת דעם פאַשיזם און נאַציזם. אויך פילע פון די אַמעריקאַנער און אידישע ליבעראַלן און ראַדיקאַלן האָבן נישט אויפגעהערט צו טענה׳ן, אַז וואָס מען זאָל ניט רעדן וועגן דער סאָוועט־רעגירונג אין רוסלאַנד און וועגן די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין די אַנדערע לענדער, מוז מען אָבער איין זאַך מודה זיין, אַז זיי זיינען אומעטום די ענערגישסטע באַקעמפער פון פאַשיזם און נאַציזם.

צום סוף האָט סטאַלין גאָר געשלאָסן אַ פעסטן בונד מיט היטלער׳ן קעגן די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער פון איירָאָפּע. די סאָוועט־רעגירונג האָט געהאָלפן היטלער׳ן אָנצופאַנגען די מלחמה. זי האָט אים געהאָלפן פאַרניכטן און צוראַבירן פוילן און זי טוט אויך אַלעס, וואָס איז נאָר אין אירע קרעפטן, צו העלפן היטלער׳ן געווינען דעם קריג קעגן ענגלאַנד און פראַנקרייך, אַרויפצווינגען אויף די פרייע לענדער און פעלקער פון איירָאָפּע אַ היטלער־פרידן און פאַרלענגערן די פינסטערע נאַצי־הערשאַפט אין דייטשלאַנד גופא.

אין דעם מאָמענט, ווען די סאָציאַליסטישע אַרבעטער, די פויערים און די אַנדערע פאָלקס־מאַסן פון פוילן אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט פאַר זייער פרייהייט און זיינען אומגעקומען אין די צענדליקער טויזנטער אויף די באַריקאַדן אין וואַרשע און אַרום וואַרשע, האָבן די פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער „אַרבעטער און פויערים רעפּובליק" דורכגעפירט אַ בשותפות׳דיקן זיג־פּאַראַד מיט היטלער׳ס מערדערישע אַרמייען אין בריסק־ליטאָווסק. די אָפּטיילונגען פון סטאַלינ׳ס אַרמיי און פון היטלער׳ס אַרמיי האָבן מאַרשירט איינע נאָך די אַנדערע — די ערשטע, מיט׳ן האַמער און סערפּ אויף זייערע פאָנען און די צווייטע מיט די סוואַסטיקאַ אויף זייערע פאָנען, און די אָפיצירן פוןביידע אַרמייען האָבן צוזאַמען עמפּפאַנגען דעם פּאַראַד.

דורך דעם בונד פון סטאַלין׳ען מיט היטלער׳ן האָבן זיך דער האַמער און סערפּ און דער סאָוועטישער „אינטערנאַציאָנאַל" אויסגעמישט מיט דער נאַצישער „סוואַסטיקאַ" און דעם „האָרסט־וועסל"־ליד. ביידע זיינען געוואָרן דער סימבאָל פון די פאַראייניגטע קאָמונאַציסטישע לעגיאָנען, וועלכע פאַרמעסטן זיך צו פאַרניכטן די מענטשלאַכע פרייהייט, די איירָאָפּייאישע קולטור און די אומאָפּהענגיגקייט פון די קלענערע און שוואַכערע לענדער און פעלקער פון דער וועלט. דער סאָוועטישער קאָמוניזם האָט זיך ערשט איצט אַנטפּלעקט פאַר דער ברייטער וועלט אין זיין גאַנצן העסליכן געשטאַלט. פאַר די אָבער, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט די פּאָליטיק פון די באָלשעוויסטישע הערשער, איז דער נייסטער פאַרראַט פון דער סאָוועט־רעגירונג ניט געקומען אַלס אַ גרויסע איבעראַשונג, זיי האָבן געוואוסט, אַז די באָלשעוויסטישע הערשער האָבן אין נאָוועמבער 1917 פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוס־

לאנד דורך שווינדל און פארראט. זיי האבן פארניכטעט די פרייהייט און די רעכט, וואס דאס רוסישע פאלק האט פאר זיך אויסגעקעמפט דורך דער מערץ־רעוואלוציע פון 1917 און זיי האבן שפעטער געטאן אלעס אין דער וועלט צו פארניכטן די פרייהייט און די דעמאקראטיע אויך אין די אנדערע לענדער.

סאוועט־רוסלאנד און דער קאמוניזם זיינען דירעקט פאראנטווארטלאך פאר דעם, וואס דער פאשיזם האט געזיגט אין א ריי לענדער.

יעדער איינער וואס איז נאר באקאנט מיט דער געשיכטע פון די לעצטע 18־20 יאר, ווייס, אז די שווארצע דיקטאטור אין אונגארן איז געקומען אלס רעזולטאט פון דעם, וואס די קאמוניסטן האבן דארט פריער פארניכטעט די דעמאקראטישע רעפובליק און איינגעפירט זייער „רויטע" דיקטאטור. ווען ניט בעלא קון, וואלט קיין הארטי ניט געווען אין אונגארן, און ווען ניט דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל און זיינע סעקציעס אין איטאליע און אין דייטשלאנד, וואלט ניט געווען קיין מוסאליני אין איטאליע און קיין היטלער אין דייטשלאנד.

דער צוועק פון אט דער בראשורע איז צו באווייזן ווי אזוי דער קאמוניזם האט אין יעדן פון די לענדער געהאלפן ברענגען צום זיג פון פאשיזם. מיר וועלן אנפאנגען פון אונגארן.

1.—די רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע אין אונגאַרן

די עסטרייך־אונגאַרישע אימפּעריע איז זיך צעפאַלן נאָך איידער עס איז דעם 11טן נאָוועמבער 1918 געשלאָסן געוואָרן דער וואָפן־שטילשטאַנד צווישן די עליים און די צענטראַלע מלוכות. דעם 26טן אָקטאָבער 1918, מיט פיר טעג איידער עס איז פאָרגעקומען די רעוואָלוציע אין בודאַפּעשט, האָט דער אונגאַרישער נאַציאָנאַל־ראַט, וועלכער האָט זיך מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם געגרינדעט פון די פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע פּאַרטייען, פאַרעפנטלאַכט אין אַלע צייטונגען אַן אויפרוף צו די אויסלענדישע רעגירונגען, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלן זיי ניט אַנערקענען די אונגאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי פון פאָלק, נאָר זיי זאָלן ווענן אַלע אַנגעלעגנהייטן וואָס זיינען נוגע אונגאַרן פאַרהאַנדלען דירעקט מיטן נאַציאָנאַל־ראַט, וועלכער איז „דער איינציקער וואָס איז באַפולמעכטיקט צו רעדן און האַנדלען אין נאָמען פון אונגאַרישן פאָלק”.

דעם 30טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די איבערקערעניש. די אַלטע אונגאַרישע רעגירונג איז ארונטערגעזעצט געוואָרן און עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ קאָאַליציאָנס־רעגירונג פון סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן. אַלס פּרעמיער־מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן דער ראַדיקאַלער גראַף קאַראָלי, וועלכער האָט שוין פון לאַנג אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר דעם אַז אונגאַרן זאָל זיך אָפּטיילן פון עסטרייך. אין עטלאַכע טעג אַרום האָט די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פּראָקלאַמירט פאַר אונגאַרן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

די דעמאָקראַטישע רעגירונג האָט געהאַט פאַר זיך זייער שווערע אויפגאַבן. מען האָט פריער פון אַלץ געמוזט אָפּשטעלן די מלחמה, דאָס הייסט, שליסן אַ וואָפן־שטילשטאַנד מיט די עליים און צוגרייטן אַזאַ פרידנס־אָפּמאַך, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. דאָס גופא איז שוין געווען אוממעגלאַך צו פאַרווירקלאַכן, מחמת די פאָרשטייער פון די אונגאַרישע סלאַוואַקן, רומעניער און יוגאָ־סלאַוון האָבן אין צייט פון דער מלחמה געקראָגן אַ פאַרשפּרעכן פון די עליים־רעגירונגען, אַז זיי וועלן באַקומען אומאָפּהענגיגקייט, אויב עסטרייך־אונגאַרן וועט באַזיגט ווערן אין דער מלחמה. און אַזוי ווי דער זיג פון די עליים איבער עסטרייך־אונגאַרן איז געווען אַ פולשטענדיקער, איז שווער געווען צו ערוואַרטן פון די עליים־רעגירונגען, אַז זיי זאָלן האָבן באַזונדערע אייגזעעניש מיט די מאַדיאַרן. די ריזיקע מערהייט, אָבער, פון מאַדיאַרישן פאָלק, אפילו די ליבעראַלע אינטעליגענץ, האָט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די פרעמדע פעלקער, וואָס זיינען ביז איצט געווען אונטערדריקט פון די מאַדיאַרן, האָבן אַ רעכט צו וועלן זיך אָפּרייסן פון גאַנצן פון אונגאַרן. די נייע דעמאָקראַטישע רעגירונג האָט געוואָלט איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן מיט די פרעמדע פעלקער און געבן זיי אויטאָנאָמיע, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די דאָזיקע פעלקער האָבן אפילו ניט געוואָלט הערן וועגן בלייבן ווייטער מיט אונגאַרן.

דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער נייער דעמאָקראַטישער רעגירונג.

אָבער דאָס איז ניט געווען די איינציקע שוועריגקייט, וואָס די נייע רעגירונג האָט פאַר זיך געהאַט. די רעגירונג האָט אויך באַדאַרפט וואָס שנעלער דעמאָקראַטיזירן די לאָקאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, אומבייטן די אַלטע רעאַקציאָנערע אַדמיניסטראַ־

ציע אויף א נייער דעמאָקראַטישער אַדמיניסטראַציע. זי האָט געמוזט דורכפירן ראַדיקאַלע לאַנד־רעפאָרמען, כדי צופרידנצושטעלן די גרויסע מאַסן פויערים פון לאַנד. זי האָט געדאַרפט פאַרפעסטיקן די דערגרייכטע פּאָליטישע פרייהייטן אין לאַנד און צוזאַמענרופן א פאָלקס־פּאַרלאַמענט אויפן גרונט פון א נייעם דעמאָקראַטישן וואַל־געזעץ. צו די אַלע רעפאָרמען איז זי צוגעטראָטן אין א צייט, ווען די סאָלדאַטן האָבן אין דער גרעסטער אומאָרדנונג זיך געהאַלטן אין צוריקקערן אַהיים פון די פאַרשיידענע מיליטערישע פראָנטן. דורך דער צייט פון דער מלחמה זיינען פילע אונגאַרישע סאָלדאַטן געווען אין רוסלאַנד אַלס קריגס־געפאַנגענע. א סך פון זיי זיינען נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד צוגעשטאַנען צו די באָלשע־וויקעס און ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין אונגאַרן, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אַהיים. בעלאַ קון, דער שפּעטערדיקער דיקטאַטאָר פון אונגאַרן, איז געווען איינער פון זיי. אָט די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן מיט זיך געבראַכט פון מאָסקווע ניט נאָר לעניג׳ס תורה, נאָר אויך שווערע טויזנטער דאָלער, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער סאָוועט־רעגירונג, האָבן גלייך אָנגעפאַנגען א שטאַרקע אַגיטאַציע צווישן די אַלע פאַרביטערטע און אומצופרידענע עלעמענטן אין לאַנד קעגן דער דעמאָקראַטישער רעגירונג און קעגן די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן אין דער רעגירונג.

אין אַזא אַטמאָספערע איז אויסגעקומען דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צו אַרבעטן. זי האָט זיך באַמיט צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע אַגיטאַציע, אָבער די האַנדלונג פון די עליים האָט אָוועקגעשטעלט די רעגירונג אין א זייער שווערער לאַגע. די עליים־רעגירונגען האָבן ניט אַנדערש פאַרלאַנגט, אַז אונגאַרן זאָל צעשפּאָלטן ווערן לויט דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ. דאָס הייסט, אַז צוויי־דריטל פון דער אונגאַרישער טעריטאָריע זאָל אָוועקגעגעבן ווערן צו יוגאָ־סלאַוויע, צו רומעניע און צו טשעכאָ־סלאָוואַקיע. שטעלן זיך קעגן די דאָזיקע פּלענער פון די עליים האָט די רעגירונג ניט געקענט, מחמת זי האָט ניט געהאַט קיין אַרמיי. די אַלטע אַרמיי איז זיך צעפאַלן און קיין נייע האָט זי נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו שאַפן. אונטערגעבן זיך, ווידער, צו די עליים האָט זי אויך ניט געוואָלט, ווייל דערמיט וואָלט זי זיך שטאַרק דיס־קרעדיטירט אין די אויגן פון אַלע פּאַטריאָטיש־געשטימטע מאַדיאַרן.

אויך די לאַנד־פראַגע האָט די דעמאָקראַטישע רעגירונג ניט געלייזט. די רייכע לאַנד־מאַגנאַטן זיינען נאַטירלאַך געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל ביי זיי צונעמען די ערד און עס אָוועקגעבן צו די פויערים. אָבער די אָפּאָזיציע פון די לאַנד־מאַגנאַטן וואָלט ניט געווען אַזוי שווער ביייצוקומען, ווען קעגן דעם פּלאַן צו קאָנפיסקירן די גרויסע גיטער און זיי פאַרטיילן צווישן די אָרימע פויערים וואָלטן זיך ניט געשטעלט סיי די סאָציאַליסטן און סיי די קאָמוניסטן. די אונגאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע זיינען דאַן געווען צו פרום־מאַרקסיסטיש, האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי ווי די פויערים זיינען א רעאַקציאָנערער קלאַס, דאַרף מען זייער מאַכט ניט פאַרשטאַרקן דורך פאַרטיילן צווישן זיי די רייכע גיטער. די קאָמוניסטן, ווידער, זיינען געווען קעגן דער צעשפּליטערונג פון די רייכע גיטער, ווייל זיי האָבן געדענקט, אַז ווען זיי וועט זיך איינגעבן צו פאַרכאַפּן די מאַכט, וועלן זיי קענען גלייך סאָציאַליזירן די גרויסע גיטער. אויב אָבער די ערד זאָל צעטיילט ווערן צווישן די פויערים, וועט זי פאַרבלייבן דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון די פויערים און מען וועט אין דאַרף קיין קאָמוניזם ניט קענען איינפירן. אַזוי אַרום איז דערווייל די לאַנד־פראַגע געבליבן ניט געלייזט. דאָס האָט,

פארשטייט זיך, ארויסגערופן גרויס אומצופרידנהייט צווישן די דעמאראליזירטע סאלדאטן און צווישן דער גרויסער פויערים־מאסע אין אלגעמיין און די דאזיקע אומצופרידנהייט איז שטארק אויסגענוצט געווארן פון די קאמוניסטישע אגיטאטארן.

דעם 19טן מערץ, 1919, האבן די עליים אריינגעשיקט דער אונגארישער רעגירונג א נייעם אולטימאטום, אז די אונגארישע סאלדאטן זאלן זיך צוריקציען פון די טעריטאריעס, וואס האבן לויט דעם פלאן פון די עליים, באדארפט אוועקגענומען ווערן פון אונגארן. קאראלי׳ס רעגירונג האט ניט געוואלט אויספאלגן דעם אולטימאטום, אבער אין דער זעלבער צייט האט זי ניט געהאט קיין כח צו שטעלן זיך קעגן דער פאדערונג פון די עליים. איז זי געקומען צום באשלוס איבערצוגעבן די מאכט צו א נייער רעגירונג, און אט די נייע רעגירונג איז געווען א סאוועטן־רעגירונג.

די סאוועט־רעגירונג איז פראקלאמירט געווארן דעם 21טן מערץ, 1919 — דאס הייסט, מיט עטלאכע טעג פריער, איידער עס האבן געזאלט פארקומען די וואלן צו דער דעמאקראטישער גרינדונגס־פארזאמלונג. אלס פארזיצער פון דעם ראט פון פאלקס־קאמיסארן איז באשטימט געווארן אלעקסאנדער גארבאי, א געוועזענער ארבעטער, א בריק־לייער, וועלכער איז געווען איינער פון די פאפולערסטע פירער פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי און פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג. אבער דער פאקטישער פירער פון דער רעגירונג, דער אמת׳ער דיקטאטאר פון לאנד, איז געווארן דער קאמיסאר פון אויסלענדישע ענינים, בעלא קון. אויסער בעלא קון׳ען זיינען אין דער אונגארישער סאוועט־רעגירונג געווען אויך אנדערע קאמוניסטן, וואס זיינען געקומען דירעקט פון רוסלאנד. די נייע רעגירונג האט, ערשטנס, גלייך דערקלערט, אז זי אנטזאגט זיך אויסצופאלגן דעם אולטימאטום פון די עליים; צווייטנס, איז זי גלייך צוגעטראטן איינצופירן קאמוניזם סיי אין דארף סיי אין שטאט. זי האט אין אלעם געזוכט צו קאפירן די באלשעוויסטישע רעגירונג פון רוסלאנד. זי האט איבערגעדרוקט כמעט אלע דעקרעטן, וואס די רוסישע רעגירונג האט אין פארלויף פון די ערשטע אנדערהאלבן יאר פון איר עקזיסטענץ ארויסגעגעבן. זי האט אויך ניט פארגעסן תיכף איינצופירן א „טשעקא״ לויטן רוסישן מוסטער, וועלכע האט דארט געטראגן דעם נאמען „לענין־יונגען״. פאר די פיר און א האלב מאנאטן וואס די קאמוניסטן האבן רעגירט אין אונגארן, האבן די קאמוניסטישע „לענין־יונגען״ הינגעריכטעט 400 פערזאן.

די אונגארישע סאוועטן־רעגירונג האט זיך געשטעלט די פאלגנדע דריי אויפגאבן: 1) סאציאליזירן די פראדוקציע און דעם פארבראוך; 2) פארניכטן דעם קלאסן־שטאט, די ביוראקראטיע און דעם מיליטאריזם, און 3) באשאפן א גייסטיקע און מאראלישע קאמוניסטישע אטמאספערע.

אין די אלע דריי אויפגאבן האבן די קאמוניסטן געליטן א שרעקלאכע נידערלאגע. די קאמוניסטישע „סאציאליזאציע״ פון די פאבריקן האט געבראכט דערצו, אז די פראדוקציע אויף די פאבריקן איז אין פיר מאנאטן צייט געפאלן אויף א העלפט, און אין אייניקע פאלן אויף 75 פראצענט. די אורזאך פון דעם איז געווען, וואס די ארבעטער האבן געוואלט קריגן מער באצאלט און ווייניקער ארבעטן. די פאבריק־קאמיטעטן, וועלכע האבן געזאלט אכטונג געבן, אז די ארבעט אויף די פאבריקן זאל אנגיין ווי געהעריק איז, האבן זיך מורא געהאט צו מישן, ווייל טאמער פלעגן זיי נאר ארויסרעדן א ווארט, פלעגט מען זיי גלייך באשולדיקן אין „קאנטר־רעוואלוציע״ און ארונטערוואַרפן פון זייערע עמטער. די רעגירונג איז דארום געצוואונגען געווען איינ־

צופירן שטיק־ארבעט, אָווערטײמס און די טײלאָר־סיסטעם. די רעגירונג האָט אויך פאַרבאָטן די אַרבעטער אַריבערצוגײן פון אײן פּראָפעסיע צו אַ צווייטער אָדער פון אײן פאַבריק אין אַ צווייטער. די אַרבעטער זיינען פאַקטיש צוגעשמידט געוואָרן צו זייערע פאַבריקן. דאָס האָט זיי שרעקלאַך ערביטערט. כדי צו קענען פאַרוואַלטן די אַלע פאַבריקן און אַלע סאָציאַליזירטע אונטערנעמונגען, האָט די רעגירונג געמוזט אָנשטעלן צענדליקע טויזנטער באַאמטע. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן אַ ריזיקע ביוראָקראַטיע, וועלכע די רעגירונג האָט געמוזט אויסהאַלטן מיט אַלעם. די גאַנצע פּרעסע, אויסער דער קאָמוניסטישער, איז פון דער רעגירונג אונטערדריקט געוואָרן. דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט די קאַריעריסטן און אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די פאַרשיידענע רעגירונגס־ביוראָס, צו באַראַבעווען די באַפעלקערונג אויף וואָס די וועלט שטייט, און קיינער זאָל ניט אַ פּיפּס טאָן. אויף די זיצונגען פון סאָוועט פלעגן די אַרבעטער זיך כסדר באַקלאָגן, אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטן פון די גנבות און כאַבאַר פון דער נייער קאָמוניסטישער ביוראָקראַטיע.

די לאַגע אין דאָרף איז געווען נאָך ערגער. אַזוי ווי דער ווערט פון די פּאַפּיר־געלט האָט כסדר געהאַלטן אין פאַלן, האָבן די פּויערים ניט געוואָלט פאַרקויפן זייערע עסנוואַרג־פּראָדוקטן פאַר פּאַפּיר־געלט. פאַר זייער ברויט, פלייש, מילך האָבן זיי געוואָלט קריגן פאַבריק־פּראָדוקטן און פאַרשיידענע געצייג, וואָס זיי האָבן נויטיק געהאַט פאַר זייער באַלעבאַטישקייט, און דאָס האָט זיי די רעגירונג ניט געקענט געבן. האָט מען געמוזט שיקן אין דאָרף מיליטער, כדי מיט גוואַלד אָפּצונעמען ביי די פּויערים זייער ברויט און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלאַכע פּראָדוקטן.

די שטאָט האָט געקוקט אויפן דאָרף ווי אויף איר ביטערסטן שונא, און די פּויערים האָבן אויף די קאָמוניסטישע רעקוויזיציעס און גוואַלד־טאַטן געענטפערט מיט אויפשטאַנדן. אַזוי ווי אין דער קאָמוניסטישער רעגירונג זיינען געווען אַ סך אידן, האָט די אַנטי־קאָמוניסטישע באַוועגונג אָנגענומען אַ שאַרף־אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער.

פּראָפעסאָר יאַסי, אַ באַוואוסטער אונגאַרישער ראַדיקאַל, וועלכער האָט גע־האַלטן, אַז די אונגאַרישע אינטעליגענץ דאַרף מיטאַרבעטן מיט די באָלשעוויקעס און געבן זיי אַ מעגלאַכקייט אויסצופּרובירן זייער עקספּערימענט, שרייבט אין זיין בוך וועגן דער אונגאַרישער רעוואָלוציע פאָלגנדעס וועגן דער שטימונג וואָס האָט געהערשט צווישן פאָלק אין די לעצטע מאָנאַטן פון בעלאַ קון׳ס דיקטאַטור:

„די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג איז שוין געווען גאַנץ קענטיק אין די לעצטע וואָכן פון דער סאָוועטן־דיקטאַטור. סוף יוני איז בעלאַ קון אויף אַן אָפענער זיצונג פון סאָוועט געצוואונגען צו וואָרפן די אַרבעטער די באַשולדיקונג, אַז אַ טייל פון זיי פאַרנעמען זיך מיט פּאָגראָם־אַגיטאַציע און אונטערשטיצן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. וואָס ווייטער איז אַלץ מער געוואַקסן די שנאה צווישן די אַרבעטער און דער בורזשואַזיע, צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און די פּויערים, צווישן דער שטאָטישער און דער דאָרפישער באַפעלקערונג, צווישן די אידן און די קריסטן; מיט האָס צום סאָוועט־רעזשים האָבן געפלאַקערט ניט נאָר די הערצער פון די רואינירטע קליינע בעלי־מלאכות, סוחרים און טשינאָווניקעס, נאָר אויך פון די פאַבריק־אַרבעטער. וואָס ווייטער האָט זיך אַלץ מערער פאַרשטאַרקט די פיינטשאַפט צווישן די סאָציאַליסטן און די קאָמוניסטן, צווישן די טרייד־יוניאָנס און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און אַפילו די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער רעגירונג האָבן איינע די אַנדערע ניט געטרויט און איין קאָמיסאַר האָט שפּיאָנירט דעם צווייטן".

אַט דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער סיסטעם וועלכע די קאָמוניסטן האָבן איינגעפירט אין לאַנד. קיין וואונדער ניט, וואָס די קאָמוניסטן האָבן פאַרלאָרן דעם גלויבן אין זיך אַליין און ווען די רומענישע אַרמיי, וועלכע איז אינגאַנצן באַשטאַנען פון צוויי און אַ האַלב דיוויזיעס, האָט זיך גענומען רוקן נענטער צו בודאַפעשט, איז די רויטע אַרמיי פון דער אונגאַרישער סאָוועטן־רעגירונג זיך צעלאָפן, און האָט פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די רומענישע סאָלדאַטן. דעם 31טן יולי האָט בעלאַ קון אויף אַ זיצונג פון סאָוועט אָפן דערקלערט, אַז די „דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט האָט פולשטענדיק באַנקראָטירט אין דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און מיליטערישן היגזיכט", און אַז צו קעמפן ווייטער אויף די באַריקאַדן וואָלט געווען אַן אומזין פונ'ם שטאַנדפונקט פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. דעם זעלבן אָוונט האָט זיך בעלאַ קון געווענדט דורכ'ן טעלעפאָן צו דעם אונגאַרישן סאָוועטן־פאָרשטייער אין ווין, דעם געוועזענעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי בעהם, אַז ער זאָל באַקומען ביי דער עסטרייכישער רעגירונג אַ דערלויבעניש פאַר אים און פאַר איינינקע אַנדערע קאָמיסאַרן צו באַזעצן זיך אין עסטרייך. די עסטרייכישע רעגירונג האָט אָנגעפרעגט ביי די עליים צי זי זאָל געבן אַזאַ דערלויבעניש. די פאָרשטייער פון די עליים האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן גאָרנישט קעגן דעם, און אין דער זעלבער נאַכט איז בעלאַ קון מיט עטלאַכע אַנדערע קאָמיסאַרן אַנטלאָפן קיין ווין, וואו זיי זיינען אינטערנירט געוואָרן.

אויף מאָרגן האָט דער סאָוועט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן באַאויפטראַגט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער פּעידעל צוזאַמענצושטעלן אַ ריין־סאָציאַליסטישע רעגירונג. דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען מיט פיר טעג פריער, איידער די רומענישע אַרמיי האָט אַריינגעמאַרשירט אין בודאַפּעסט. די קאָמוניסטישע דיקטאַטור איז אַלזאָ צעפאַלן געוואָרן פון זיך אַליין. ערשט דעם 3טן אויגוסט האָבן די רומענישע סאָלדאַטן אַריינגעמאַרשירט אין בודאַפּעסט און פּעידעל'ס סאָציאַליסטישע רעגירונג איז געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ רעאַקציאָנערער רעגירונג, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער ערץ־הערצאָג יאָזעף, וועלכער האָט געוואָלט גלייך פּראָקלאַמירן אַ מאָנאַרכיע אין אונגאַרן. אַ דאַנק אָבער דער אַריינמישונג פון הערבערט הואווער, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אייראָפּע אַלס הויפּט פון דער „אַמעריקען רעליף אַדמיניסטריישאָן", האָט דער ערץ־הערצאָג געמוזט אָפּטראָגן זיך. זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ צווייטער רעאַקציאָנער מיטן נאָמען סטעפאַן פרידריך. אין לאַנד האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון „ווייסן טעראָר", וועלכער איז געווען אַ סך גרויזאַמער פון דעם רויטן טעראָר. יעדער איינער וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל שייכות צו דער רעוואָלוציע, איז אויף דעם גרויזאַמסטן אופן פאַרפאָלגט געוואָרן. טויזנטער מענטשן אויף וועלכע עס איז געווען אַ חשד, אַז זיי זיינען קאָמוניסטן, זיינען דערשאָסן געוואָרן אָדער פאַרשפּאַרט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די אַלע אָנגעזעענסטע פירער פון די סאָציאַליסטן און די מערסטע ראַדיקאַלע בירגערלאַכע דעמאָקראַטן האָבן געמוזט אַנטלויפן פון לאַנד.

אַלע פרייהייטן זיינען אונטערדריקט געוואָרן. מיט אַ באַזונדערער אכזריות האָבן די רעאַקציאָנערן גענומען פאַרפאָלגן די אידן און דאָס טרויעריגסטע דערביי איז געווען, וואָס די רעאַקציאָנערן האָבן געהאַט אויף זייער זייט די פולע סימפּאַטיע ניט נאָר פון די אַדעליגע און לאַנד־מאַגנאַטן, נאָר אויך פון די ברייטע אונגאַרישע פאָלקס־מאַסן. די פיר און אַ האַלב מאָנאַטן קאָמוניסטישע דיקטאַטור האָבן אַרויס־

גערופן די פינסטערסטע רעאַקציע אין לאַנד. עס האָט געמוזט נעמען העכער 10 יאָר, ביז וואַנען די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט ביסלאַכווייז גענומען צוריק אויפלעבן. און אונגאַרן איז נאָך ביז היינט צו טאָג אַ האַלב־פאַשיסטישע מלוכה.

דאָס זעלבע האָט אַרום דער זעלבער צייט אויך פּאַסירט אין באַיערן. אויך דאָרט איז גלייך נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע אין נאָוועמבער 1918 געשאַפן געוואָרן אַ ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע רעגירונג. די קאָמוניסטן אָבער האָבן דאָרט אינגיכן פאַרכאַפּט די מאַכט און איינגעפירט זייער דיקטאַטור. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אַז די דיקטאַטור איז אין 6 וואָכן אַרום געשטירצט געוואָרן און באַיערן איז נאָך מיט 14 יאָר פריער געוואָרן דער רעאַקציאָנערסטער שטאַט פון דייטשלאַנד — די וויגעלע פון היטלעריזם.

2—ווי אזוי דער קאָמוניזם האָט געהאָלפן ברענגען דעם פאַשיזם אין איטאַליע

דעם באָדן פאַרן פאַשיזם אין איטאַליע האָט געשאַפן די מלחמה. אָבער ווען ניט די קאָמוניסטן און דער מאָסקווער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וואָלט אין איטאַליע דער פאַשיזם קיינמאָל ניט געזיגט.

גלייך ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט די רוסישע סאָוועט־רעגירונג, אין שפּיץ פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען לענין און טראָצקי, פאַנאַנדערגעשיקט אירע געהיימע אַגענטן איבער גאַנץ אייראָפּע אום אָנצופאַנגען אומעטום אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ באַלדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פאַר דעם צוועק איז נויטיק געווען פריער צו פאַרניכטן אין אַלע לענדער די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז, לויט לענינ׳ס מיינונג, געווען די גרעסטע שטערונג פאַר דעם זיג פון דער רעוואָלוציע אין אייראָפּע.

דעם 24טן יאַנואַר 1919 האָט דער דאַמאָלסדיקער באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר פון אויסלענדישע אַנגעלעגנהייטן, טשיטשערין, פאַנאַנדערגעשיקט איבער דער ראַדיאָ אַ מעלדונג צו אַלע לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע, אַז אָנפאַנג מערץ וועט אין מאָסקווע אָפּגעהאַלטן ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס אויף צו גרינדן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל און זיי אַלע ווערן איינגעלאַדן צו שיקן דעלעגאַטן צו דעם דאָזיקן קאָנגרעס.

אין דער איינלאַדונג, וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן פון טראָצקין, איז די ענגלישע לייבאָר פּאַרטיי באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ „קאָפּטע שונאים פון אַרבעטער קלאַס״ און אַלע פריינד פון „דריטן רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל״ זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן נישט צו באַטייליקן זיך אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר וואָס עס האָט איינבאַרופן די ענגלישע לייבאָר פּאַרטיי אויף ווידעראויפצושטעלן דעם צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז אין די מלחמה־יאָרן אונטערגעגאַנגען. פאַר דער אַרבעט צו שאַפן אין מאָסקווע אַ קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך גענומען לענין, טראָצקי, זינאָוויעוו און ראַדעק.

אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא, די באַוואוסטע אידיש־רוסיש־איטאַליענישע לינקע סאָציאַליסטקע, וועלכע איז געווען די ערשטע סעקרעטאַרשע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דערציילט אין איר בוך „מאַי לאַיף עז אַ רעבעל״, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט אָנפאַרטרויט ראַדעק׳ן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די „אויסלענדישע סעקציעס״ פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ראַדעק׳ס הויפּט־קוואַטיר האָט זיך געפונען אין דעם סאָוועטישן קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישע אַנגעלעגנהייטן.

„ווען איך בין געקומען אַהין, — שרייבט באַלאַבאַנאָווא, — האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אָט די גאַנצע ברייט־פאַרטראַכטע אונטערנעמונג איז געווען איינפאַך אַ בלאָף. אַלע מיטגלידער פון די אויסלענדישע סעקציעס זיינען געווען רוסישע קריגס־געפאַנגענע; די מערסטע פון זיי זיינען נאָר־וואָס אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בלויז צוליב די נוצן און די פּריווילעגיעס, מיט וועלכער עס איז געווען פאַרבונדן זייער באַלאַנגען אין דער פּאַרטיי. פּאַקטיש האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער רעוואָ־לוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג פון זייערע לענדער. וועגן סאָציאַליזם האָבן זיי קיין שום באַגריף ניט געהאַט. ראַדעק האָט מיט זיי אַריינגע׳טענה׳ט, אַז זיי זאָלן פאָרן צו זיך אַהיים און דאָרט „אַרבעטן פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד״. צוויי אַזוינע קריגס־געפאַנגענע — איטאַליענער פון

טריעסט — האָבן זיך געדאַרפט אומקערן קיין איטאַליע מיט ספּעציעלע באַפאָל־מעכטיקונגען פון לענינען. מען האָט זיי אַרויסגעגעבן גרויסע סומען געלט. פאַר מיר איז געווען געגוג אויסצורעדן מיט זיי נאָר אַ פּאָר ווערטער אום צו איבערציינגן זיך, אַז זיי האָבן נישט געהאַט דעם מינדעסטן באַגריף וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין איטאַליע. זיי זיינען אפילו נישט געווען באַקאַנט מיט דער עלעמענטאַרער טערמינאָ־לאָגיע פון סאָציאַליזם. איך האָב באַשלאָסן גיין גלייך צו לענינען און אויסדריקן אים מיין פּראָטעסט, וואָס מען שיקט אַזוינע מענטשן קיין איטאַליע.

„וולאַדימיר איליטש, — האָב איך אויסגערופן, דערקלערנדיק אים די לאַגע, — איך ראַט אייך אָפּצונעמען ביי זיי דאָס געלט און די באַפולמעכטיקונגען. די מענטשן ספּעקולירן איינפאַך אויף דער רעוואָלוציע. אין איטאַליע וועלן זיי נאָר ברענגען שאָדן אונזער זאַך".

„לענינ'ס ענטפער האָט מיך איינפאַך געטראָפן ווי אַ מעסער אין האַרצן: „אויף צו פאַרניכטן טוראַטיס פּאַרטיי (די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון איטאַליע), — האָט לענין קאַלטבלוטיק געזאָגט, — זיינען זיי גוט גענוג !"

„אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך מיין געשפּרעך מיט לענינען איז פון אונזערע איטאַליענישע חברים אָנגעקומען אַ קלאַגע, אַז די צוויי שלוחים, וועלכע מען האָט אַוועקגעשיקט קיין איטאַליע, האָבן די געלדער, וואָס מען האָט זיי אָנפאַרטרויט אין מאָסקווע, פאַרהוליעט אין די קאַפעס און אין די פריילאַכע הייזלאַך פון מילאַן" . . .

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט צוריקגעהאַלטן לענינען גלייך נאָכדעם צו שיקן אַנדערע אַגענטן קיין איטאַליע צוזאַמען מיט נייע גרויסע סומען געלט אויף צו „פאַר־ניכטן טוראַטי'ס פּאַרטיי".*)

מאָסקווע האָט פאַרפלייצט גאַנץ איטאַליע מיט באָלשעוויסטישע ליטעראַטור און מיט קאָמוניסטישע צייטונגען. די סאָוועט־רעגירונג האָט נישט געקאַרגט קיין געלט אויף צו שאַפן אין איטאַליע אַ גאַנצן נעץ פון באָלשעוויסטישע אַגענטורן, וואָס האָבן געאַרבעט פון איין זייט צו „באָלשעוויזירן" די סאָציאַליסטיש־געשטימטע איטאַליענישע אַרבעטער און פון דער צווייטער זייט אונטערצוגראָבן דעם צוטרוי פון די מאַסן צו די סאָציאַליסטישע פירער, כדי אויף אַזאַ אופן צו „פאַרניכטן טוראַטי'ס פּאַרטיי". צום אומגליק פאַר איטאַליע און פאַר דער גאַנצער וועלט איז עס די באָל־שעוויסטישע פירער אויך געלונגען.

נאָך אין נאָוועמבער 1919 האָבן די סאָציאַליסטן אין די וואַלן צום איטאַליענישן פּאַרלאַמענט באַקומען 32 פּראָצענט פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען. פון די 408 ערוויילטע דעפּוטאַטן האָבן די סאָציאַליסטן געהאַט 156. די דעמאָקראַטישע קאַטוי־לישע פּאַרטיי האָט ערוויילט 100 דעפּוטאַטן. אַ חוץ דעם זיינען אין פּאַרלאַמענט געווען פאַרטראָטן נאָך איניקע דעמאָקראַטישע גרופּעס מיט אַ היפּשער צאָל דעפּו־טאַטן. די סאָציאַליסטן צוזאַמען מיט די בירגערלאַכע דעמאָקראַטן האָבן, אַלזאָ, גע־האַט אַ גרויסע מערהייט אין פּאַרלאַמענט. זיי האָבן געקענט צוזאַמענשטעלן אַ שטאַרקע דעמאָקראַטישע רעגירונג, וועלכע האָט זיך געקענט האַלטן פעסט אין מאַכט און דורכפירן די אַלע גרויסע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען, אין וועלכע דאָס לאַנד האָט זיך גענויטיקט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז שוין אָבער דאַן געווען

*) פיליפּאָ טוראַטי איז געווען איינער פון די שענסטע און נאָבעלסטע פּערזענלאַכקייטן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, וועלכער איז יאָרן־לאַנג געווען דער פירער פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי אין איטאַליע.

פֿאַרגיפֿטעט פֿון באָלשעוויזם. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1919, האָט די קאָמוניסטיש־געשטימטע מערהייט אָפּגעשאַפֿט די אַלטע פּאַרטיי־פּראָגראַם און זי פֿאַרביטן אויף אַ נייער, וואָס האָט ערקלערט, אַז די עקזיסטירנדע געזעצגעבנדע קערפּערשאַפֿטן, דער פּאַרלאַמענט און די שטאָט־ראַטן, קענען נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אינסטרומענטן פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון אַרבעטער־קלאַס און אַז דעריבער דאַרף מען די דאָזיקע קערפּערשאַפֿטן פֿאַרניכטן. דער ציל פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דאַרף זיין צו עראָבערן דורך גוואַלד־מיטלען די פּאָליטישע מאַכט און איינפֿירן אַ סאָוועטן־דיקטאַטור פֿון אַרבעטער און פּויערים. דער זעלבער קאָנגרעס האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אָנצושליסן זיך אָן דעם מאָסקווער קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די אַלע, וואָס זיינען געווען קעגן אָט דער נייער פּראָגראַם און טאַקטיק, זיינען פּאַקטיש באַזייטיקט געוואָרן פֿון דער פּאַרטיי־אַרבעט. טוראַטי איז געווען איינער פֿון זיי. וואָס מער דער באָלשעוויזם האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ אין לאַנד, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן די רעאַקציע קעגן סאָציאַליזם און קעגן די סאָציאַליסטן נישט נאָר צווישן דער בורזשואַזיע און די פֿירער פֿון דער מיליטער, נאָר אויך צווישן פּויערטום און שטאָטישע מיטל־קלאַסן. דאָך איז נאָך אַפֿילו אין יאָר 1920 געווען מעגלאַך אָפּצוהאַלטן דעם פֿאַשיסטישן שטראָם. אין יאָר 1920 איז אין איטאַליע נאָך נישט געווען קיין גרויסע אַרבעטסלאָזיגקייט, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל אין דייטשלאַנד אין יאָר 1932 אָדער אין עסטרייך אין יאָר 1934. די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג פֿון איטאַליע, וועלכע האָט געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון צענדליקע יאָרן ערפֿאָלגרייכע קאַמפֿן, איז נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ שטאַרק. די רעאַקציאָנערן האָט זיך אין יאָר 1920 איינגעגעבן צו שטירצן די לעצטע דעמאָקראַטישע רעגירונג פֿון איטאַליע, וואָס האָט געקאָנט און געוואָלט קעמפֿן קעגן דעם פֿאַשיזם. פּרעמיער־מיניסטער פֿון איטאַליע איז דעמאָלט געווען דער באַרימטער דעמאָקראַטישער שטאַאַטסמאַן פֿראַנטשעסקאָ ניטי. ניטי'ס קאַבינעט איז געפֿאַלן הויפּטזעכלאַך צוליב די הינטער־קוליסן אינטריגעס פֿון די רעאַקציאָנערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אין קעניגלאַכן הויף און אויך צווישן די פֿירער פֿון דער אַרמיי. ערפֿאָלגרייך באַקעמפֿן דעם פֿאַשיזם האָט מען דעמאָלט געקענט נאָר ביי איין באַדינגונג — ווען מען זאָל ברעכן די מאַכט פֿון די רעאַקציאָנערן אין דער אַרמיי און באַזייטיקן דעם קעניג פֿון זיין טראָן.

ניטי איז נאָך פֿריער געקומען צו דעם באַשלוס, און ער האָט געפּלאַנעוועט דורכצופֿירן אַזאַ איבערקערעניש, דאָס הייסט, אַרונטערזעצן דעם קעניג און געבן דערמיט אַ טויט־קלאַפּ דער רעאַקציע. זיין פּלאַן האָט אָבער געקענט דורכגעפֿירט ווערן נאָר ביי איין באַדינגונג: אַז די סאָציאַליסטן זאָלן אים אַקטיוו אונטערשטיצן. די סאָציאַליסטישע פֿראַקציע איז דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע אין איטאַליענישן פּאַרלאַמענט. האָט זיך ניטי דעריבער געווענדט צום צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט אַן אָפֿיציעלן פֿאָרשלאָג, אַז די סאָציאַליסטן און ליבעראַלן זאָלן האַנדלען איינים אין דער פֿראַגע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿון איטאַליע איז נאָך דעמאָלט געווען פֿאַראייניקט. די קאָמוניסטן האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אָפּגעטיילט פֿון די סאָציאַליסטן און זייער איינפֿלוס אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען זייער גרויס. די רעכטע סאָציאַליסטן מיט טוראַטי'ן, טרעוועס'ן און אַנדערע אין דער שפּיץ זיינען געווען דורכאויס פֿאַר ניטי'ס פּלאַן. די לינקע סאָציאַליסטן, די אַזוי גערופֿענע „מאַקסימאַליסטן" מיט סעראַטי'ן אין דער שפּיץ, האָבן, ווי געוויינ־

לאָך, פאַרנומען אַ וואַקלדיקע שטעלונג. די שטעלונג פון צענטראַל־קאָמיטעט איז אין גאַנצן געווען אָפּהענגיק פון די שטימען פון די קאָמוניסטן. די איטאַליענישע קאָמוניסטן האָבן אַליין, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט ווי אַזוי צו האַנדלען. זיי האָבן זיך געווענדט נאָך אינסטרוקציעס צו דעם הויפּט־אַגענט פון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, דעם שליח פון מאָסקווע, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין איטאַליע. דער דאָזיקער אַגענט פון קאָמינטערן איז געווען אַ געוויסער וולאַדימיר דיאַגאָט, אַן אַלטער רוסישער באָלשעוויק. ער איז אָנגעקומען אין געהיים קיין איטאַליע אין ענדע יאָר 1919, אַלס לענינ׳ס שליח און, ווי ער אַליין דערציילט אין זיינע מעמואַרן, וועלכע זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן מיט עטלאַכע יאָר שפּעטער אין מאָסקווע, איז ער געווען דער ערשטער שליח פון קאָמינטערן, וואָס איז געקומען דירעקט פון רוסלאַנד.

דיאַגאָט דערציילט, אַז איידער די זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אי־טאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט געדאַרפט פאָרקומען, איז צו אים געקומען אַ גאַנצע דעלעגאַציע וועלכע איז באַשטאַנען פון באָמבאַטשי׳ן, דעם דאַמאָלסטיקן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און נאָך צוויי קאָמוניסטן. אָט איז אַ ווערטערלאַכע איבערזעצונג פון דיאַגאָט׳ס עראינערונגען, וואו עס ווערט איבערגעגעבן זיין געשפּרעך מיט די דריי קאָמוניסטישע דעלעגאַטן וואָס זיינען געקומען צו אים:

„באָמבאַטשי האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים פון אויפרעגונג זיך געווענדט צו מיר מיט די פאָלגנדע ווערטער: „חבר, נאָר איר קענט ראַטעווען די לאַגע. דער געוועזענער פּרעמיער ניטי האָט אונז, סאָציאַליסטן, געמאַכט אין געהיים אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן זיך באַטייליקן אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישער איבערקערעניש דורך פּראָ־קלאַמירן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק און באַזייטיקן דעם קעניג. סעראַטי גייט כמעט איין אויף דעם. מאָרגן וועט אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט די פראַגע מוזן ענדגילטיק באַשלאָסן ווערן. איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן אייער מיינונג, כדי צו קענען עס פאַרעפנטלאַכן אויף דער זיצונג".

„איך, — שרייבט דיאַגאָט, — האָב געזאָגט אומגעפער פאָלגנדעס: „אין נאָמען פון קאָמינטערן קענט איר זאָגן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אַז באַטיי־ליקן זיך אין דער איבערקערעניש הייסט פאַרראַטן דעם אַרבעטער קלאַס. דאָס טאָר ניט געשען. אַזוינע „רעוואָלוציעס" פאַרטונקלען דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־באַ־וואוסטזיין פון די אַרבעטנדע מאַסן. ביי דער איצטיקער לאַגע איז קיין אונטערשייד ניט, ווער עס וועט זיצן אויפן טראָן — ניטי אָדער דער קעניג. מען דאַרף בעסער ענערגישער אַ שטויס טאָן די רעוואָלוציע פון אונטן, כדי דער קעניג, צוזאַמען מיט ניטי׳ן, דעם פאַרטרעטער פון די פאַבריקאַנטן און גוט־באַזיצער, זאָלן ביידע פאַר־ניכטעט ווערן, און דערנאָך פּראָקלאַמירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

„אָט די מיינונג, — פאַרענדיקט דיאַגאָט, — האָט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, געזיגט אין צענטראַל־קאָמיטעט . . . "

אין סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר האָט דער לינקער פליגל פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי, פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער געבילדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן אייניקע פאַבריקן. דאָס איז געטאָן געוואָרן אָן דער צושטי־מונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אָן דעם וויסן פון די טרייד־יוניאָנס, נאָר אויפן באַפעל פון קאָמינטערן, מיט וועלכן די לינקע־פליגלניקעס זיינען געווען פאַרבונדן. זיי האָבן אָנגעפאַנגען אַגיטירן פאַר אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט"

לויטן רוסישן מוסטער, און גענומען גרינגן סאָוועטן. דאָס האָט ארויסגערופן א קעגן־אטאַקע פון דעם מיליטער, פון די קאַפּיטאַליסטן און פון די פאַרשיידענע טיילן פון מיטל־קלאַס, וועלכע האָבן זיך גרופּירט ארום מוסאָליני'ן. אין א וואָך ארום, נאָך דער פאַרכאַפּונג פון די פאַבריקן, האָט מוסאָליני שוין באַקומען גרויסע סומען געלט פון די קאַפּיטאַליסטן אויף צו באַוואָפענען זיינע לעגיאָנערן. דער געשפּענסט פון א קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, פון דער אַנאַרכיע, וועלכע די קאָמוניסטן און די מאַקסימאַליסטן האָבן געזוכט צו פאַרטיפן אין לאַנד, האָט געשטויסן אין די אָרעמס פון פאַשיזם די גרויסע מאַסן פון איטאַליענישן מיטל־קלאַס. מוסאָליני וואָלט אָבער קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרכאַפּן די מאַכט, ווען די קאָמוניסטן, צוזאַמען מיט די מאַקסימאַליסטן, וואָלטן אין פּאַרלאַמענט אויף שריט און טריט ניט געלייגט שטיינער אין וועג דער דעמאָקראַטישער רעגירונג.

די סאָציאַליסטן זיינען, ווי געזאָגט, אין יאָר 1920 געווען די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין איטאַליע. ווען זיי וואָלטן דאַן איינגעגאַנגען אויף א קאָאַליציע מיט די בירגער־לאַכע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און גרופּעס, וואָס זיינען געווען פיינטלאַך צום פאַשיזם, ווי יענע האָבן עס זיי געהאַט פאָרגעשלאָגן, וואָלט געווען מעגלאַך צוזאַמענ־צושטעלן א שטאַרקע און פעסטע דעמאָקראַטישע רעגירונג, וועלכע קיין מאַכט וואָלט ניט געקענט אומוואַרפן. די קאָמוניסטן אָבער, צוזאַמען מיט די מאַקסימאַליסטן, וועלכע האָבן דאַן געהאַט די אויבער־האַנט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָבן אויפן באַפעל פון קאָמינטערן זיך אַנטשיידן אַנטזאָגט אריינצוטרעטן אין א געמיינזא־מער רעגירונג מיט די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אָדער שטיצן אין פּאַרלאַמענט מיט זייערע שטימען א דעמאָקראַטישע בירגערלאַכע רעגירונג. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אז די דעמאָקראַטישע רעגירונגען, וואָס האָבן זיך אין יענע יאָרן געביל־דעט אין איטאַליע איינע נאָך דער אַנדערער, זיינען געווען שוואַך און האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן אין מאַכט. אויפן צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1921 אין ליוואָרן, האָט זיך די פּאַרטיי גע־שפּאָלטן. די מאַקסימאַליסטן האָבן אויפן צוזאַמענפאָר באַקומען 98 טויזנט מיט 28 שטימען. די קאָמוניסטן 58 טויזנט מיט 183 שטימען און דער רעכטער פליגל, געפירט פון טוראַטי'ן, בלויז 14 טויזנט מיט 625. לעגין האָט זיין ציל דערגרייכט: „טוראַטי'ס פּאַרטיי" איז כמעט אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מאַי 1921, ד. ה. דאַן, ווען דער פאַשיזם האָט שוין אָנגעפאַנגען צו ווערן א גרויסע קראַפט, האָבן די קאָמוניסטן אויף דעם באַפעל פון מאָסקווע געפירט זייער אַגיטאַציע הויפּטזעכלאַך קעגן די סאָציאַליסטן. זיי האָבן ערקלערט, אז די וואַלן דאַרפן זיין „א משפּט איבער דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי". אפילו סוף זומער פון יאָר 1921, ווען דער פאַשיזם איז שוין געוואָרן א גרויסע געפאַר און די פאַשיסטן האָבן אָנגעפאַנגען צו פאַרניכטן פיזיש די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס און זייערע פירער, האָבן די קאָמוניסטן נאָך אַלץ אַטאַקירט הויפּט־זעכלאַך די סאָציאַליסטן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פאַרבאָטן אירע מיטגלידער צו באַטייליקן זיך אין די קאַמפּס־גרופּן, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו באַשיצן די ארבעטער־אינסטיטוציעס פון די פאַשיסטישע כוליגאַנעס. אין מאַי 1921 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ערקלערט, אז „די ווייסע רעאַקציע האָט צו פאַרצייכענען צייטווייליקע זיגן. זי דער'הרג'עט אָבער די דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע אילוזיעס און פאַרניכטעט דעם איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף די מאַסן".

מיט א פּאָר מאָנאַט שפּעטער, ווען מוסאָליני האָט שוין צוגעגרייט זיין מאַרש אויף רוים, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ערקלערט, אַז „אויב די בורזשואַזיע וועט ווירקלאַך גיין ביזן סוף און אויב די ווייסע רעאַקציע וועט דערשטיקן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועט זי דערמיט צוגרייטן די בעסטע באַדינגונגען פאַר איר אייגענער מפּלה און פאַר דעם זיג פון דער רעוואָלוציע" . . .

אָט מיט דעם האָבן זיך די קאָמוניסטן געטרייסט . . .

די פאַרניכטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אין די אויגן פון די קאָמוניסטן געווען א נויטווענדיקע פאַרבאַדינגונג פאַר דעם זיג פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע און דער איינפירונג פון א „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". איינפירן די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" האָט זיך לענינ'ס תלמידים ניט איינגעגעבן, אָבער דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו העלפן ניטי'ן אַרונטערזעצן דעם קעניג און פּראָקלאַמירן א רעפּובליק, דערמיט וואָס זיי האָבן כסדר געלייגט שטיינער אין וועג דער דעמאָקראַטישער רעגירונג, און אונטערגעגראָבן דעם צוטרוי פון די מאַסן צו די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און כסדר געסטראַשעט דעם פאָלק מיט א דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיי געהאָלפן מוסאָליני'ן פאַרכאַפּן די מאַכט. די רעאַקציאָנערן, וועלכע ניטי האָט זיך געקליבן צו באַזייטיקן פון דער מאַכט דורך זיין געפּלאַנטער רעפּובליקאַנישער איבערקערעניש, האָבן שפּעטער זייער אַקטיוו געהאָלפן מוסאָליני'ן. דער מאַרש פון די „שוואַרצע העמדלאַך" אויף רוים, וואָס האָט אַנטשיידעט דעם שיקזאַל פון גאַנצן קאַמף פאַר מאַכט, איז געווען ערפאָלגרייך נאָר דערפאַר, ווייל דער קעניג האָט אַרויסגעגעבן א באַפעל צו די סאָלדאַטן און צו דער פּאָליציי, אַז זיי זאָלן ניט געברויכן קיין געווער קעגן די פאַשיסטן. נאָר א דאַנק דעם זיינען מוסאָליני'ס „שוואַרצע העמדלאַך" געווען אימשטאַנד אומגעשטערט צו פאַרכאַפּן אַלע וויכטיקע רעגירונגס־אַנשטאַלטן פון רוים. ווען דער קעניג וואָלט ניט געזעסן אויפן טראָן, ווען אין שפּיץ פון דער מלוכה וואָלט געשטאַנען אַן אויסגעהאַלטענע רעפּובליקאַנישע רעגירונג, וואָס דאָס וואָלט געווען דער פאַל ווען ניטי'ס פּלאַן וואָלט דורכגעפירט געוואָרן, וואָלט דער רעזולטאַט פון מוסאָליני'ס מאַרש אויף רוים געווען א גאַנץ אַנדערער.

און ווי אַזוי האָט געהאַנדלט די קאָמוניסטישע מאָסקווע נאָכדעם ווי מוסאָליני האָט שוין פאַרכאַפּט די מאַכט? די זעלבע סאָוועטישע פירער, וועלכע האָבן פריער געשטיצט די שפּאַלטער פון איטאַליענישן אַרבעטער־קלאַס און געהאָלפן זיי באַגראָבן די פרייהייט אין לאַנד, האָבן באַלד נאָך דער פאַשיסטישער איבערקערעניש געשלאָסן פרידן מיט די פאַשיסטישע הערשער. אין א מאָנאַט אַרום נאָכדעם ווי מוסאָליני'ס מענטשן האָבן דערמאָרדעט דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן פירער דזשיאַקאָמאַ מאַטעאָטי, האָט דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין רוים איינגעלאַדן צו זיך אויף א באַל די גאַנצע פאַשיסטישע רעגירונג. מען האָט דאָרט געהוליעט אויף וואָס די וועלט שטייט, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט דערמיט געוואָלט אויסדריקן די געמיינשאַפטלאַכע פרייד איבער דעם, וואָס עס איז ענדלאַך געלונגען צו באַזייטיקן דעם מוטיקן סאָציאַליסטישן קעמפער קעגן דער פאַשיסטישער טיראַניי.

„די רוסישע קאָמוניסטישע רעגירונג, — האָט אין יאָר 1933 געשריבן דער איטאַליענישער סאָציאַליסט וויקטאָר מונגיאַלי, — „איז כלומרשט א דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער שטענדיק געפינט מען זי דאָרט, וואו עס האַנדלט זיך אין אונטערגראָבן די פרייהייטן פון פאָלק און שטענדיק האַלט זי זיך מיט די פאַשיסטישע

און גרויס־קאפּיטאַליסטישע רעגירונגען. ווען דער פאַשיסטישער גענעראַל באַלבאָ איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק מיט זיין לופט־פלאָט געפלויגן קיין אַדעס, האָט די סאָוועט־רעגירונג פאַרשפּאַרט אין טורמע אַלע אַנגעזעענע איטאַליענישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין רוסלאַנד, כדי דעם ליבן פאַשיסטישן גאַסט זאָל חס ושלום גאָרנישט געשען. גלייך נאָך דעם האָט דער סאָוועטישער פלאָט באַזוכט דעם איטאַליע־נישן האַפן פון נעאַפּאָל, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פון די פאַשיסטן מיט גרויס באַגייסטערונג. די מאַנשאַפטן פון „פאַרהאַסטן" קעגנער, דאָס הייסט, די סאָ־וועטישע רויטע מאַטראָסן, האָט מען אויף די קאָסטן פון איטאַליענישן פאָלק געלאָזן זיך וואוילגיין און די העכערע סאָוועטישע אָפיצערן פון פלאָט זיינען מיט גרויס פּאַראַד אויפגענומען געוואָרן פון מוסאָליני'ן אַליין אין זיין פּאַלאַץ אין רוים. ווען ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן אין יאָר 1931, אויף דער קאָנפערענץ אין זשענעווע, געפאָדערט צו פאַרבאָטן דאָס מיליטערישע אונטעררוכט פון דער איטאַליענישער יוגנט, האָבן די פאַרטרעטער בלויז פון צוויי לענדער געשטימט קעגן דעם — די פאַרטרעטער פון יאַפּאַן און פון סאָוועט־רוסלאַנד".

אָט אַזוי האָט עס דער קאָמוניזם געקעמפט קעגן פאַשיזם אין איטאַליע.

3 — ווי אַזוי די קאָמוניסטן האָבן אונטערגעמינעוועט די דעמאָקראַטישע דייטשע רעפּובליק.

אין נאָוועמבער, 1918, ווען די דייטשע רעפּובליק איז געגרינדעט געוואָרן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז אין דייטשלאַנד נישט געווען קיין שפּור אפילו פון אַן אָפענער רעאַקציאָנערער באַוועגונג. די פירער פון די דייטשע מאָנאַרכיסטן און רעאַקציאָנערן זיינען, אָדער אַזוי ווי דער גענעראַל לודענדאָרף אַנטלאָפן אין אויסלאַנד, אָדער זיי זיינען געלעגן שטיל איינגעלייגט אין זייערע נאָרעס. די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט האָט זיך געפונען אין די הענט פון די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די לינקע „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן", וועלכע האָבן זיך אין פאַרלויף פון דער מלחמה אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און געגרינדעט אַן אייגענע פּאַרטיי. די נייע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט זיך געשטיצט אויף די סאָוועטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען גלייך ווי די רעפּובליק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן אין אַלע שטעט פון דייטשלאַנד.

די רעפּובליק האָט געזאָלט זיין אַ דעמאָקראַטישע און די פּאָליטיק פון דער נייער רעגירונג אַ סאָציאַליסטישע. גלייך אויף מאָרגן, ווי די רעפּובליק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָט דער בערלינער „פאָרווערטס", דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקאַטישער פּאַרטיי, ווענדענדיק זיך צו די לינקע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן און צו די קאָמוניסטן, אָדער „ספּאַרטאַקיסטן", ווי זיי האָבן זיך דעמאָלט גערופן, געשריבן:

„די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי שטרעבט צו איייניקייט מיט אַלע אירע כחות, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פון איר זייט אפילו פאַר קרבנות. זי ווייס, אַז איר שטרעבונג אַנטשפּרעכט דעם קאָמאָן סענס פון די אַרבעטער מאַסן . . . די ברודערהאַנט איז אויסגעשטרעקט — גיט אַהער אייערע הענט".

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַט הינטער זיך די גרויסע מערהייט פון דייטשן אַרבעטער קלאַס, האָט פאַרגעלייגט נישט נאָר די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, נאָר אויך דעם פירער פון די ספּאַרטאַקיסטן, קאַרל ליבקנעכט, אַריינצונעמען אין דער נייער רעגירונג. ליבקנעכט אָבער האָט זיך אַנטזאָגט צו זיצן אין איין רעגירונג מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער. די קאָמוניסטישע „ראָטהע פאַהנע" האָט דעם זעלבן טאָג געשריבן:

„אין דער רעגירונג טאָרן נישט זיין מער קיין איין „שיידעמאַנער".*) קיין איין סאָציאַליסט טאָר ניט אַריינטרעטן אין דער רעגירונג, אַזוי לאַנג ווי דאָרט זיצט אפילו נאָר איין רעגירונגס־סאָציאַליסט. קיין שום מגע ומשא מיט די יעניקע, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון 4 יאָר צייט פאַרראַטן די אַרבעטער.

„נידער מיט'ן קאַפּיטאַליזם און זיינע אַגענטן! לעבן זאָל די רעוואָלוציע! לעבן זאָל דער אינטערנאַציאָנאַל!"

די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן זיינען אָבער יע אַריינגעטראָטן אין דער רעגירונג. האָבן די קאָמוניסטן גלייך אָנגעפאַנגען צו העצן די סאָלדאַטן און די אַרבעטער אויך קעגן זיי, פונקט אַזוי ווי קעגן די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

*) פיליפּ שיידעמאַן איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און ער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די רעפּובליק אין דייטשלאַנד.

די סאָציאַליסטישע רעגירונג האָט גלייך דורכגעפירט אַ רייע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען מיט'ן צוועק צו פאַרפעסטיקן די געוואונענע דעמאָקראַטישע פריהייטן און די רעכט פון די אַרבעטער און פון גאַנצן פאָלק, און גלייכצייטיק האָט זיך אויך געאַרבעט מיט אַלע אירע כחות וואָס שנעלער צו דעמאָביליזירן די ריזיקע אַרמיי, אַנקאָרמענען די הונגעריקע באַפעלקערונג און איינשטעלן אַ נאָרמאַלן לעבן אין לאַנד. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די רעגירונג וועט, אַזוי שנעל ווי מעגלאַך, איינרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויף דעם גרונד פון אַלגעמיינעם גלייכן, געהיימען און פראָפּאָרציאָנעלן וואַלרעכט, וואָס וועט אויסאַרבעטן אַ נייע קאָנסטיטוציע און נייע געזעצן פאַר דער רעפּובליקאַנישער דייטשלאַנד. די קאָמוניסטן אָבער האָבן געוואָלט נאָכמאַכן רוסלאַנד און איינפירן תיכף אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". „וואָס פאַר אַ ווערט האָט אייער דעמאָקראַטיע, — האָבן די קאָמוניסטן געשריען, — זי מאַכט אונז דען זאַט? זי גיט דען ארבעט די אַרבעטסלאָזע? די דעמאָקראַטיע איז נאָר אַ פאָרם פון בורזשואַזער הערשאַפט. דעריבער דאַרפן די אַרבעטער שטירצן די בורזשואַזע רעפּובליק און פּראָקלאַמירן אַ סאָוועטן־דיקטאַטור". און זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו העצן די אַרבעטער און סאָלדאַטן קעגן דער סאָציאַליסטישער רעגירונג און רופן די אַרבעטער צו אַן אויפשטאַנד. ווען די סאָציאַליסטישע רעגירונג האָט, לויט דעם באַשלוס פון דעם אַל־דייטשן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן דעפּוטאַטן, מיט אַ ריזיקער מאַיאָריטעט שטימען באַשלאָסן איינצורופן אַ דעמאָקראַטישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָבן די קאָמוניסטן געמאַכט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער רעפּובליק. דער קאָמוניסטישער אויפשטאַנד פון דעצעמבער, 1918 און יאַנואַר, 1919, איז געווען אַן אויפשטאַנד ניט קעגן דער בור־זשואַזיע און ניט קעגן די רעאַקציאָנערן, נאָר קעגן דער ריזיקער מאַיאָריטעט פון דעם אַרבעטער קלאַס, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן די דיקטאַטור, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געפּרעדיקט, און איז געבליבן געטריי די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע.

די סאָציאַליסטן האָבן מיט אַלע מיטלען געזוכט צו קומען צו אַ פרידלאַכער פאַרשטענדיקונג מיט דער ספּאַרטאַקיסטישער אָדער קאָמוניסטישער מינדערהייט. די קאָמוניסטן אָבער האָבן ניט געוואָלט הערן פון קיינע קאָמפּראָמיסן. זיי האָבן נישט אַנדערש געוואָלט, ווי נאָר אַ דיקטאַטור פון זייער אייגענער פּאַרטיי, וועלכע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קליינע מינאָריטעט פון דעם אַרבעטער קלאַס. זיי האָבן אָנגעפאַנגען אַ בלוטיקן קאַמף פון אַרבעטער קעגן אַרבעטער, וועלכער האָט פון ביידע זייטן געפאָדערט אַ גרויסע צאָל קרבנות. אין דרעזדען האָבן די קאָמוניסטן זיך אַריינגעריסן אין דער געביידע פון קריגס־מיניסטעריום און האָבן אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מיניסטער פון זאַקסן נייערינג — אַן אַרבעטער, און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין דעם טייך עלבע. און כדי ער זאָל זיך ניט קענען ראַטעווען, האָבן זיי אים נאָך אַריינגעשאָסן עטלאַכע קוילן און אויף אַזאַ אופן אים געטויט.

אין בערלין האָבן די קאָמוניסטן באַזעצט מיט זייערע סאָלדאַטן און מאַטראָסן דעם קוואַרטאַל, וואו עס האָבן זיך געפונען די אָפיסעס און דרוקערייען פון די מערסטע צייטונגען. אין פאַרלויף פון די פאַרהאַנדלונגען, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן מיט זיי געפירט, האָבן די קאָמוניסטן דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט אָוועקצוגעבן צו זייערע פריערדיקע אייגענטימער אַלע בורזשואַזע צייטונגען, אָבער נאָר ניט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „פאָרווערטס". אויפ'ן פּלאַץ פון „פאָרווערטס" האָבן זיי

גענומען ארויסגעבן א קאָמוניסטישע צייטונג. די בורזשואַזע־דעמאָקראַטישע „בערלינער טאַגעבלאַט" האָבן די קאָמוניסטן באַלד געלאָזן צוריק דערשיינען. דעם „פאָרווערטס" אָבער, בשום אופן ניט. די סאָציאַליסטישע רעגירונג איז דעריבער געצוואונגען געווען צו שיקן סאָלדאַטן אָפּצונעמען ביי די קאָמוניסטן די געביידע פון „פאָרווערטס".

דעם 24טן נאָוועמבער, דערציילט אין זיינע מעמוארן פיליפּ שיידעמאַן, האָט זיך אויף די בערלינער גאַסן געגאָסן בלוט. די סאָציאַליסטישע ארבעטער זיינען געוואָרן שרעקלאַך פאַרביטערט, ווייל די קאָמוניסטן זיינען וואָס א טאָג געוואָרן אַלץ פרעכער. יעדן טאָג פלעגן גרופּעס קאָמוניסטן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט מאַשין־ביקסן און קוילן־וואַרפער, מאַרשירן ארום דער געביידע, וואו עס האָט זיך געפונען די סאָציאַליסטישע רעגירונג און געסטראַשעט צו דערמאָרדן די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן. אין איין אומגליקלאַכן טאָג האָבן די קאָמוניסטישע באַנדעס געשטורעמט די שטאָט־קאָמענדאַנטור. דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אָטאָ וועלס, איז מיט א קורצער צייט פאַר דעם פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון בערלין. די קאָמוניסטן האָבן וועלס'ן גענומען געפאַנגען און האָבן אים פאַרשלעפּט אין דעם אַמאָליקן קייזערלאַכן הויפּט־שטאַל, וואו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון די קאָמוניסטישע מאַטראָסן. זיי האָבן וועלס'ן פאַרשפּאַרט אין א קעלער און האָבן אים יעדע מינוט געסטראַשעט צו דערשיסן. די מאַטראָסן זיינען כסדר אויפגעהעצט געוואָרן פון קאָמוניסטישע אַגיטאַטאָרן. און אזוי ווי די אויפגערעגטע מאַטראָסן זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ווילדער, און קיין אייגענע אַרמיי האָט די סאָציאַליסטישע רעגירונג נאָך ניט געהאַט אָרגאַניזירט, איז פאַר דער רעגירונג ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי שיקן דעם גענעראַל לעקווים און די ביסל סאָלדאַטן, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין בערלין, אַז זיי זאָלן צווינגען די מאַטראָסן צו באַפרייען דעם געפאַנגענעם סאָציאַליסטישן קאָמענדאַנט. וויפיל מען האָט זיך ביי די קאָמוניסטן נישט געבעטן, האָבן זיי זיך אַנטזאָגט וועלס'ן צו באַפרייען. זיינען די סאָלדאַטן געווען געצוואונגען צו שטורעמען דעם פּאַלאַץ. די קאָמוניסטישע מאַטראָסן זיינען געווען אויסגעצייכנט באַוואָפנט און זיי האָבן געקעמפט מיט גרויס עקשנות. ערשט נאָך א לאַנגן ביטערן קאַמף, אין וועלכן עס זיינען געפאַלן א סך קרבנות פון ביידע זייטן, האָבן די קאָמוניסטן וועלס'ן באַפרייט. עטלאַכע און זעכציג טויטע זיינען קריסטמעס־נאַכט געלעגן אויף די גאַסן פון בערלין.

אין פאַרלויף פון יענעם אויפשטאַנד זיינען דערמאָרדעט געוואָרן די צוויי פירער פון די ספּאַרטאַקיסטן, קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג. די קאָמוניסטן האָבן דערנאָך פאַרשפּרייט א לעגענדע, אַז זיי ביידע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויף דעם באַפעל פון די פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, „כדי דורך דעם צו ראַטעווען דעם דייטשן קאַפּיטאַליזם". דער אמת איז געווען ווי פאָלגט: קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון אייניקע מאָנאַרכיסטישע אָפיצערן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין אונטערדריקן דעם קאָמוניסטישן אויפשטאַנד. עדוואַרד בערנשטיין, וועלכער איז דעמאָלט געווען איינער פון די פירער פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און א געגנער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, האָט אין 1921 געשריבן אין זיין „געשיכטע פון דער דייטשער רעוואָלוציע":

„די באַשולדיקונג (פון די קאָמוניסטן) קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי

און דער רעגירונג, אַז זיי זיינען מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער דערמאָרדונג פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג איז אַ העכסט אומגערעכטע. קיין אַנדערער קען עס פיליכט אַזוי קלאָר נישט באַשטעטיקן ווי דער שרייבער פון אַט די צייַלן. צופעליג בין איך גראַד דעם 16טן יאַנואַר, 1919, אין דער פרי געווען אין דער רייכסקאַנצלעריי (די רעזידענץ פון דער רעגירונג. — ד. ש.), ווען עס איז אָנגעקומען די נאַכריכט וועגן דער דערמאָרדונג פון קאַרל ליבקנעכט'ן און איך האָב דעריבער געקענט זען ווי דערשטוינט און דערשיטערט עס זיינען געווען פון אַט דער נאַכריכט אַלע אַנוועזנדע מיטגלידער פון דער רעגירונג. עס איז נישטאָ דער קלענסטער שפור פון אַ וועלכן עס איז באַווייז, אַז די רעגירונג אָדער ווער עס איז פון אירע מיטגלידער זאָלן האָבן אפילו נאָר דורך אַן אָנצוהערעניש געשטויסן צו דיזן מאָרד אָדער, אַז זיי זאָלן האָבן פּאָטאַקעוועט די מערדער" . . .

דעם 15טן יאַנואַר, 1933, האָט דער בערלינער „פאָרווערטס" געשריבן וועגן דער דאָזיקער טרויעריקער פּאַסירונג ווי פאָלגט:

„אַזוינע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זאָלן האַלטן, אַז מען מעג דערמאָרדן אַנט־וואָפנטע געפאַנגענע, זיינען אין דייטשלאַנד קיינמאָל ניט געווען, און וועלן קיינמאָל ניט זיין. ווייל אַזאַ טאַט שטייט אין שאַרפסטן ווידערשפּרוך מיט דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג און מיט דער פילאָזאָפיע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער פיליכט טראָגט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פּאָליטיש די שולד פאַר'ן טויט פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג? דער ענטפער אויף דער פראַגע איז אַ געשיכטלאַכער פאַקט, וועלכן די קאָמוניסטישע ליגנער פאַרשווייגן: קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג האָבן אַליין באַקעמפט די פּאָליטיק, וואָס האָט געפירט צו זייער טויט. אויפ'ן קאָמו־ניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן קריסטמעס און ניי־יאָר זיינען זיי ביידע אַרויסגעטראָטן קעגן דעם געפּלאַנטן אויפשטאַנד. זיי זיינען אָבער געבליבן אין דער מינדערהייט. איבערהויפּט האָט ראָזע לוקסעמבורג שטאַרק באַקעמפט דעם פּלאַן צו שטערן די וואַלן צו אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. „גענאָסן", האָט זי דאָרט אויסגערופן, „מאַשין־ביקסן קעגן אַלגעמיינעם, גלייכן וואַל־רעכט, דאָס איז אַ שלעכטער קאַמפּס־רוף!" אָבער זי איז נידערגעשטימט געוואָרן און זי האָט זיך דאַן נאָר אונטערוואָרפן דער פּאַרטיי־דיסציפּלין. די קאָמוניסטן בלאָפן נאָך אַלץ אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז שולדיק אין דעם טראַגישן טויט פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג. אין דער אמת'ן אָבער, האָט דער קאָמו־ניסטישער ספּאַרטאַקן־בונד דורך זיינע משוגענע באַשלוסן געטריבן צום טויט זיינע אייגענע פירער. קענען די קאָמוניסטן עס אָפּלייקענען? קענען זיי פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז ראָזע לוקסעמבורג איז אין דער אמת'ן גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין קאָמוניסטקע? וואָרום דערמאָנען זיי קיינמאָל ניט די ווערטער, וועלכע ראָזע לוקסעמ־בורג האָט געשריבן צו לואיזע קאַוטסקי, אין יאָר 1918, אַז

„די גרוילטאַטן פון די באָלשעוויקעס לאָזן מיך ניט שלאָפן!"

וואָרום ציטירן זיי ניט פון אירע פאַרבליבענע שריפטן, צום ביישפּיל, די פאָל־גענדע שטעלע:

„דעקרעטן, דיקטאַטאָרישע גוואַלד פון די פאַבריק־אויפזעער, שטרענגע שטראָפן, טעראָר — דאָס זיינען אַלץ מיטלען, וואָס שטערן דעם ניסטיקן ווידערגעבורט פון די מאַסן, אָן וועלכן סאָציאַליזם איז ניט מעגלאַך איינצופירן. דער איינציקער וועג צו אָט דעם ווידער־געבורט איז די שולע פון עפנטלאַכן לעבן גופא, די אומבאַשרענקט־

סטע, ברייטסטע דעמאָקראַטיע, די עפנטלאכע מיינונג. גראָד די טעראָר־הערשאַפט דעמאָראַליזירט".

דער קאָמוניסטישער אויפשטאַנד פון 1918־1919 האָט געעפנט די טויערן פון דייטשלאַנד פאַר דער רעאַקציע. און אַלץ וואָס די קאָמוניסטן האָבן געטאָן דורך די אַלע 14 יאָר, וואָס די דייטשע רעפּובליק האָט עקזיסטירט, איז געווען צו העלפן די מאָנאַרכיסטן און פאַשיסטן פאַרניכטן די פרייהייט און די רעפּובליק.

4—דער פאראייניקטער פראָנט פון די קאָמוניסטן און נאַצים, וואָס האָט פאַרניכטעט די פרייע דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין דייטשלאַנד.

ווען די דייטשע מאָנאַרכיסטן האָבן אין מערץ, 1920, אונטער דער אָנפירער־שאַפט פון דעם מאָנאַרכיסט קאַפּפּ, געמאַכט אַן אויפשטאַנד מיט׳ן צוועק אַרונטער־צעוואַרפן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק און איינפירן אַ מיליטערישע דיקטאַטור פון מאָנאַרכיסטן, און די רעפּובליק האָט זיך געפונען דעמאָלט אין אַ זייער ערנסטער געפאַר, האָבן די סאָציאַליסטן און די סאָציאַליסטישע געווערקשאַפטן פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־סטרייק. די קאָמוניסטן אָבער זיינען צום גענעראַל־סטרייק ניט צוגע־שטאַנען. זייערע פירער און זייערע צייטונגען האָבן דערקלערט, אַז פאַר די אַרבעטער איז קיין שום אונטערשייד ניט, צי „אין שפּיץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה שטייט דער סאָציאַל־דעמאָקראַט עבערט אָדער עס וועט שטיין דער מאָנאַרכיסט קאַפּפּ".

די מאָסקווער „איזוועסטיא", הויפּט־אָרגאַן פון דער סאָוועט־רעגירונג האָט דע־מאָלט געשריבן, „אַז מיט אַן ערלאַכער נאַציאָנאַליסטישער דייטשער רעגירונג וועט זיין לייכטער אַ פאַרשטענדיקונג, ווי מיט אַ רעגירונג פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַררעטער".

גליקלאַכערווייזע האָט די ריזיקע מאַיאָריטעט פון דייטשן אַרבעטער קלאַס נישט געפאָלגט די קאָמוניסטישע פירער. דער סטרייק האָט פאַראַליזירט דאָס גאַנצע לאַנד און די דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז דעמאָלט געראַטעוועט געוואָרן.

אין יאָר 1925 איז אין דייטשלאַנד דערשינען אַ בראָשור אונטער׳ן נאָמען, „ביים קבר פון קאָמוניזם". דער פאַרפאַסער פון דער בראָשור, ערנסט בעזע, איז אַ לענגערע צייט געווען דער פּאָליטישער רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „טריבונאַ", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין דער שטאָט מאַגדעבורג. בעזע איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע קאָמוניסטישע פירער — אַ מיטגליד פון דעם אָרטיקן לאַנדטאַג. אין דער בראָשור האָט בעזע דערציילט ווי אַזוי דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין יאָר 1923 געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די דייטשע פאַשיסטן און האָט אָרגאַניזירט אַ נייעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דער אויפשטאַנד האָט זיך געזאָלט אָנפאַנגען אין זאַקסן און אין טורינגען, וואו די קאָמוניסטן זיינען פאַר דעם צוועק אַריינגעטראָטן אין די אָרטיקע רעגירונגען, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון לינקע סאָציאַליסטן. דאָרט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רויטע אַרמיי (די „רויטע הונדערט־שאַפטן"), וועלכע האָט פון זאַקסן און טורינגען געזאָלט מאַרשירן אויף בערלין. אין שפּיץ פון דערדאָזיקער רויטער אַרמיי האָבן די קאָמו־ניסטן אוועקגעשטעלט דעם אָפיצער האַנס פאָן־העטינג, אַ מיטגליד פון דער פאַשיס־טישער אָרגאַניזאַציע „אָבערלאַנד". צוזאַמען מיט אים האָבן געאַרבעט פיל אָפיצערן פון באָלשעוויסטישן גענעראַל־שטאַב, וועלכע זיינען ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע קיין דייטשלאַנד. „געלט", שרייבט בעזע, „האָט ניט געשפּילט קיין ראָלע. די חברה־לייט האָבן געשעפּט וויפיל זיי האָבן נאָר געוואָלט פון דעם דאָלאַרן־פאָנד, וואָס די רוסישע סאָוועטן־רעגירונג האָט אַסיגנירט אויף צו אָרגאַניזירן די רעוואָלו־ציע אין דייטשלאַנד". די געווער, וואָס די פירער האָבן דאַן איינגעקויפט אויף צו באַוואָפענען די „רויטע הונדערטשאַפטן", דערציילט בעזע, זיינען צעשלעפּט געוואָרן

פון די קאָמוניסטישע און פאַשיסטישע רעדלפירער און זייַנען דערנאָך פאַרקויפט געוואָרן צו פאַרשיידענע ספּעקולאַנטן.*)

אויף דעם 6טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע אין יאָר 1928, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז די וועלט איז אַרייַנגעטראָטן אין אַ „דריטן פּעריאָד", אין אַ פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, וואו די מאַסן רייַסן זיך צום קאַמף, נאָר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער זוכן צו דערשטיקן דעם קאַמפּסלוסט פון די מאַסן, און אַז פאַר דעם אַרבעטער קלאַס איז אייגנטלאַך קיין אונטערשייד ניט, וואָס פאַר אַ רעגירונג עס עקזיסטירט — אַ דעמאָקראַטישע אָדער אַ פאַשיסטישע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט זייַנען באַצייכנט געוואָרן אַלס סאָציאַל־פאַשיסטיש. ניט קיין אַנדערער ווי סטאַלין אַליין האָט דערקלערט, אַז „פאַשיזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זייַנען אַ צווילינג". און דער קאָמינטערן האָט זיך זינט דאַן באַמיט אַרייַנצוהאַמערן אין די מוחות פון די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, אַז די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע פון „רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט" איז צו פאַרניכטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און די פרייַע טרעיד־יוניאָנס.

דער אויפרוף, וואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט דעם 6טן נאָוועמבער, 1931 אַרויסגעלאָזט צו אַלע אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט געלויטעט:

„רייַסט אַרונטער די מאַסקעס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון אַלע לענדער, פון אַט די מערדער פון אַרבעטער קלאַס, וואָס באַהאַלטן זייערע פאַרברעכנס אונטער קלינגנדיקע פראַזן. דעקט אויף די צבֿועק'עריי פון די „לינקע" און „אומאָפּהענגיקע" סאָציאַליסטן. זיי פאַרשטעלן דעם פּראָלעטאַריאַט דעם וועג צו מאַכט. פאַרניכטעט אַט די וואַנט, וועלכע שטערט אייער זיג.

„אַרבעטער, שליסט זיך צונויף אין איין אייַזערנעם פאַראייניקטן קאַמפּפראָנט קעגן קאַפּיטאַל און זייערע לאַקייען, די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".

דער הויפּט אָרגאַן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, די מאָסקווער „פּראַוודאַ" פון 7טן נאָוועמבער, 1931, האָט די פראַגע געמאַכט נאָך קלאָרער. רײדנדיק ספּעציעל וועגן די אויפגאַבן פון די דייַטשע קאָמוניסטן אין יענעם מאָמענט, האָט זי געשריבן:

„אָן דער שטיצע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָן איר דעמאַגאָגיע און אָפּנאַרעריי פון די מאַסן וואָלטן די קאַפּיטאַליסטן ניט געווען אימשטאַנד אייַנצוהאַלטן די מאַכט אין זייערע הענט. דעריבער, כדי אַרונטערצוּוואַרפן די בורזשואַזיע איז פריער פון אַלץ נייטיק צו פאַרניכטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע. (אונטערשטראָכן פון דער „פּראַוודאַ" אַליין).

„די הויפּט אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דעם מאָמענט", — האָט ווייטער געשריבן די „פּראַוודאַ", — „איז אַרונטערצורייַסן די לינקע מאַנעוורעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אירע פאַרזוכן אָפּצונאַרן די מאַסן מיט די לאָזונגען פון „פרייהייט", „דעמאָקראַטיע", „סאָציאַליזם", „קאָנטראָל איבער די באַנקען", „שטאַטס־סאָציאַליזם", און אַז וו. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פירן אָן און וועלן אָנפירן אַן אומאויפהערלאַכן טאָג־טעגלאַכן קאַמף קעגן דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און איבערהויפּט קעגן די לינקע פראַקציעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע,

*) ווען בעזע האָט פאַרעפנטלאַכט זייַן בראָשור איז ער נאָך אַלץ געווען אַ קאָמוניסט. ער האָט בלויז איבערגעריסן מיט מאָסקווע און מיט דער אָפיציעלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

כדי צו פאַרניכטן די לעצטע פעסטונג פון דער בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט קען ניט האָבן קיין דערפאָלג אין די קומענדע ענטשיידנדע שלאַכטן, וואו מען זאָל די־דאָזיקע פעסטונג ניט פאַרניכטן. נאָר פירנדיק אַ פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קען מען קעמפן קעגן פאַשיזם. דעם פאַשיזם קען מען צעקלאַפּן נאָר קעמפנדיק אין דער ערשטער ריי קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע"...

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אַלזאָ אין יאָר 1931, ווען דער פאַשיזם איז שוין געוואָרן אַ גרויסע געפאַר אין דייטשלאַנד, פּראָקלאַמירט אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון די קאָמוניסטן דאַרף זיין ניט צו קעמפן קעגן פאַשיזם, נאָר פאַרניכטן פריער פון אַלץ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין אַ וואָך שפּעטער ווי דער אַרטיקל איז דערשינען אין „פּראַוודאַ" האָט די בערלינער „ראָטע פאַהנע" דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געשריבן אין איר אויסגאַבע פון 16טן נאָוועמבער:

„די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מוז געשלאָגן ווערן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אונזער הויפּט־פיינט אין פּראָלעטאַריאַט. קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פירן מיר די הויפּט־שלאַכט אין דער איצטיקער פּעריאָדע פון קלאַסן־קאַמף. דערום ענטפערן מיר אויף דער גייסטער מאַנעוורע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס ריידן איצט וועגן אַ פּראַייניקטן פראָנט: קיין שפּור פון גלויבן, קיין האָר פון צוטרוי צו די דירעקלערונגען פון די הערדן וועלס און ברייטשייד! *) פאַרשאַרפונג פון דעם קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף דער גאַנצער ליניע!"

דאָס איז געווען וואָרט אין וואָרט אַ ווידערהאָלונג פון דעם, וואָס איז מיט אַ וואָך פריער געווען געשריבן אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ".

אפילו אין יאָר 1932, ווען דייטשלאַנד איז שוין געווען אויפ׳ן שוועל פון פאַשיזם, האָט „די ראָטע פאַהנע", געשריבן: „פריער פון אַלץ מוזן מיר מאַכן קלאָר צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, אַז וואָס מיר האָבן איצט (דעמאָלט האָט עקזיסטירט אין דייטשלאַנד די מער אָדער ווייניקער דעמאָקראַטישע ברויניג־רעגירונג.—ד. ש.) איז אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור", („ראָטע פאַהנע" פון 26טן יולי, 1932).

אין יאָר 1932 האָבן נאָך די סאָציאַליסטן, צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן און די ליבעראַלע פּאַרטייען, געקענט האָבן אַ פעסטע מערהייט אין רייכסטאַג און אין די מערסטע לאַנדטאַגן, ווען די קאָמוניסטן וואָלטן, אַנשטאָט זיך צו פאַראייניקן מיט די היטלער־לייט און די מאָנאַרכיסטן, געשטימט צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן פאַר אויפהאַלטן די פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין לאַנד. די קאָמוניסטישע פירער אָבער האָבן איינגעשמועסט זייערע בלינדע אָנהענגער, אַז פאַר דעם זיג פון דער קאָמוניסטישער וועלט־רעוואָלוציע איז נויטיק, אַז דייטשלאַנד זאָל פריער האָבן אַ פאַשיסטישע רעגירונג. די פירער פון קאָמינטערן האָבן ניט אויפגעהערט צו ווידערהאָלן, אַז דער פאַשיזם וועט בלויז אויסשפּרייטן דעם וועג פאַר׳ן קאָמוניזם און דעריבער דאַרף מען היטלער׳ן ניט שטערן צו קומען צו דער מאַכט. זינט דעם יאָר 1932 איז אין רייכסטאַג געווען אַ גרויסע פאַשיסטישע פראַקציע פון איין זייט און אַ גרויסע קאָמוניסטישע פראַקציע פון דער צווייטער. שפּעטער האָבן ביידע פראַקציעס צוזאַמען געהאַט זאָגאַר אַ מערהייט. צוזאַמען רעגירן האָבן זיי ניט געקענט, אָבער זיי האָבן צוזאַמען ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַ פעסטע

*) אָטאָ וועלס און רודאָלף ברייטשייד זיינען דעמאָלט געווען די פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג. די קאָמוניסטישע פירער האָבן געהאָפט צו פאַרניכטן די דעמאָקראַטיע, כדי דערנאָך צו זיין אימשטאַנד לייכטער איינצופירן אַ סאָוועטן־דיקטאַטור אין דייטשלאַנד. אין אַלע ענטשיידנדע מאָמענטן פון קאַמף פון ארבעטער קלאַס קעגן דער רעאַקציע, ווי צום ביישפּיל אין יאָר 1932, ווען די רעאַקציאָנערן האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות ארונטערצוואַרפן די סאָציאַליסטישע בראַון־סעווערינג־רעגירונג פון פּרייסן, האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אויפגעפאָדערט זיינע אָנהענגער אין דייטשלאַנד צו שטימען מיט די נאַציס פאַר דער אָראָפּזעצונג פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג. און די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן פון פּרייסישן לאַנדטאַג האָבן טאַקע אַזוי געהאַנדלט, דערקלערנדיק, אַז „די סאָציאַליסטן, בראַון און סעווע־רינג זיינען פיל ערגער פון היטלערין".

אין די פּרעזידענט־וואַלן פון יאָר 1932 האָבן די קאָמוניסטן ארויסגעשטעלט אַן אייגענעם קאַנדידאַט, ווייסנדיק גאַנץ גוט, אַז ער האָט ניט קיין שום אויסזיכטן אויס־דערוויילט צו ווערן, און אַז זיי וועלן דורך דעם מאַכן אוממעגלאַך אַז עס זאָל דער־ווילט ווערן אַלס פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק אַ סאָציאַליסט אָדער אַן אַנדער אויסגעהאַלטענער דעמאָקראַט און רעפּובליקאַנער. די קאָמוניסטן האָבן דורך זייער שריט געצוואונגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו שטיצן הינדענבורג'ן קעגן היטלער'ן, וואָרום אַז ניט וואָלט היטלער דאַן דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט און די דעמאָקראַטישע רעפּובליק וואָלט נאָך מיט אַ יאָר פריער פאַרניכטעט געוואָרן. ווען די קאָמוניסטן וואָלטן אין די פּרעזידענט־וואַלן געגאַנגען צוזאַמען מיט די סאָצי־אַליסטן און די אַנדערע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָלט מעגלאַך געווען צו דערוויילן אַלס פּרעזידענט אַ סאָציאַליסט אָדער אַן אַנדער אויפריכטיקן דעמאָקראַט, וועלכער וואָלט היטלער'ן בשום אופן ניט באַשטימט אַלס קאַנצלער. די דייטשע רעאַקציאָנערן און פאַשיסטן האָבן דעמאָלט שטאַרק אַפּלאָדירט די קאָמוניסטן פאַר זייער „רעוואָלו־ציאָנערער" האַנדלונג. די „דייטשע אַלגעמיינע ציימונג", דער אָרגאַן פון די רעאַק־ציאָנערע דייטשע גרויס־קאַפּיטאַליסטן, האָט מיט 5 טעג פאַר די וואַלן געשריבן, אַז „זייער ראָלע (די ראָלע פון די קאָמוניסטן) באַשטייט אויסשליסלאַך אין דעם ניט צו דערלאָזן, אַז אַ „מאַרקסיסט" זאָל דערוויילט ווערן אַלס פּרעזידענט פון דייטשלאַנד".

לויט די וואַל־ציפערן פון 14טן דעצעמבער, 1932, האָט די „דייטשע אַלגעמיינע צייטונג" געשריבן, האָבן די קאָמוניסטן באַקומען 4,600,000 שטימען און די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן 8,500,000 — צוזאַמען איז דאָס 13,100,000. דאָס איז ניט גענוג צו דערוויילן אַ פּרעזידענט אין די ערשטע וואַלן. אין די צווייטע וואַלן אָבער וואָלטן די פאַראייניקטע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן געוויס צוגעקראָגן אַ סך נייע שטימען פון די בירגערלאַכע פּאַרטייען, און זייער קאַנדידאַט וואָלט געהאַט גרויסע שאַנסן דערוויילט צו ווערן. אין די וואַלן פון יאָר 1925 איז הינדענבורג דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט מיט 14,600,000 שטימען.

„צום גליק אָבער", האָט די צייטונג פון די רעאַקציאָנערע דייטשע גרויס־קאַפּי־טאַליסטן געשריבן, „איז עס געלונגען ביז צו די אַנטשיידנדע וואַלן פון דעם יאָר אָנצוהאַלטן די צעשפּאַלטונג פון דעם מאַרקסיסטישן פּראָלעטאַריאַט אין צוויי טיילן, און די פיינדשאַפט צווישן די ביידע פּאַרטייען איז אַזוי גרויס, אַז עס איז אין דער אמת'ן ניטאָ קיין שום געפאַר פון אַ געמיינשאַפטלאַכן ארבעטער־קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, ניט אין די ערשטע און ניט אין די צווייטע וואַלן. אַ דאַנק די קאָמוניסטן,

קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ניט אויסנוצן איר געוואַלטיקע מאַכט — ניט פאַר איר אייגענעם קאַנדידאַט און ניט אפילו פאַר דעם געמיינשאַפטלאכן קאַנדידאַט פון דעם „רייכסבאַנער", ד. ה. פון די סאָציאַליסטן צוזאַמען מיט דעם צענטרום און די דעמאָקראַטן, ווי זי האָט עס געטאָן אין די וואַלן פון יאָר 1925. כדי צו באַקעמפן היטלער'ן, האָט זי דעם מאָל געמוזט אַרויסקומען פאַר הינדענבורג'ן. די נוצלאכע פונקציע פון טהעלמאַנס קאַנדידאַטור (טהעלמאַן איז געווען דער קאָמוניסטישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט.—ד. ש.) באַשטייט, אַלזאָ, אין מאַכן אַבסאָלוט אומעגלאך די דערוויילונג פון אַ לינקן פּרעזידענט".

אין 1932 האָט פיליפּ שיידעמאַן פאַרגעלייגט דער דייטשער פּרעסע, זיך ניט שעמען און באַטראַכטן די קאָמוניסטן און די נאַציס, אויב ניט גלייך, איז ווייניקסטנס ווי זייער פאַרוואַנדטע באַוועגונגען. דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס די טאַקטיק פון דיביידע פּאַרטייען איז געוואָרן געוואַלדיק ענלאך. און עס איז געקומען שוין דעמאָלט דער פאָרשלאַג צו רופן ביידע פּאַרטייען מיט איין נאָמען: קאָמונאַציס.

עס איז געוואָרן אַלץ מער און מער אומעגלאך צו אונטערשיידן צווישן די נאַציס און די קאָמוניסטן. דאָס האָט מען אַמבעסטן געקענט זען אין געריכטן, ווען מען פלעגט ביי אַן אָנגעקלאָגטן נאַצי פרעגן, צי ער איז פון תמיד אַ חסיד פון היטלער'ן, פלעגט ער ענטפערן, אַז ניין, און אַז ער איז פריער געווען אַ קאָמוניסט. און דאָס זעלבע איז געווען פאַרקערט — אַן אָנגעקלאָגטער קאָמוניסט פלעגט כמעט תמיד אָנגעבן, אַז פריער איז ער געווען אַ נאַצי. אין די פּאַרלאַמענטן האָבן די צוויי גרופּעס תמיד געפירט אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און ביידע האָבן דאָך טאַקע געהאַט איין ציל — מאַכן שווערקייטן דער רעפּובליק און די רעפּובליקאַנער. „דער הויפּט־פיינט איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" — דאָס איז געווען דער לאָזונג פון ביידע עקסטרעמע פליגלען, פון רעכטס און פון לינקס. אָנהויב 1933 האָבן ביידע צוזאַמען, די קאָמוניסטן און די נאַציס אָרגאַניזירט אַ סטרייק פון די סאָבוויי־אַרבעטער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די געווערקשאַפטן האָבן געוואָרנט, אַז ביי יענער סיטואַציע איז דאָס סטרייקן אַ פאַרברעכן, אָבער די נאַציס בשותפות מיט די קאָמוניסטן האָבן געטאָן זייערס.

די קאָמוניסטן האָבן אַזוי געהאַנדלט אויף דעם באַפעל פון קאָמינטערן. דער קאָמינטערן האָט גלייכצייטיק אויך שטרענג באַפוילן זיינע אָנהענגער אין דייטשלאַנד, אַז זיי זאָלן אין אַלע שטימוואַלן סיי צו די שטאָט־פאַרוואַלטונגען און סיי צו די פּאַרלאַמענטן, אונטער קיינע אומשטענדן ניט דערלאָזן, אַז סאָציאַליסטן זאָלן דערוויילט ווערן — אפילו ווען אויף דעם אָרט פון אַ סאָציאַליסט וועט דערוויילט ווערן אַ מאָנאַרכיסט אָדער אַ נאַצי.

די קאָמוניסטן האָבן צעשפּאָלטן דעם אַרבעטער־קלאַס און געצוואונגען די אַרבעטער באַוועגונג צו פאַרטיידיקן זיך אויף צוויי פראָנטן — קעגן די רעאַקציאָנערן פון איין זייט און קעגן די קאָמוניסטן פון דער צווייטער זייט. דער קאַמף פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן קעגן די קאָמוניסטן איז די גאַנצע צייט געווען דורכאויס אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף. די קאָמוניסטן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען זיך באַנוצן מיט טעראָריסטישע מיטלען קעגן זייערע קעגנער. זיי האָבן די ערשטע אָנגעפאַנגען אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער רעפּובליק און האָבן דורך די שענדלאכסטע מיטלען זיך באַמיט אַרונטערצורייסן די דעמאָקראַטיע און דיסקרע־

דימירן אין די אויגן פון פאָלק יעדן סאָציאַליסט און יעדן דעמאָקראַט. די קאָמוניסטן האָבן אויסגעלערנט די רעאַקציאָנערע קענגער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו באַנוצן זיך מיט דיזעלבע טעראָריסטישע און שווינדלערישע מעטאָדן וואָס דער קאָמוניזם האָט באַנוצט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אונערמידלאַך געאַרבעט איינצופלאַנצן אין די הערצער פון די דייטשע מאַסן אַ האַס קעגן מיליטאַריזם, טיראַניי און דעספּאָטיזם. די קאָמוניסטן אָבער האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די מיליטאַריסטן, און האָבן כסדר פאַרהערלאַכט דעם דעספּאָטיזם, די טיראַניי און דעם טעראָר אין סאָוועט־רוסלאַנד. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו פּרעדיקן אַז דעמאָקראַטיע איז אַ קאַפּיטאַליסטישער שווינדל, אַז פרייהייט איז אַ „בורזשואַזער פּאָראָרטייל", אַז די איינציגע ישועה פאַר'ן פאָלק ליגט אין אַ דיקטאַטור. דער גיפט, וואָס איז אין פאַרלויף פון 14 יאָר נאָכאַנאַנד עקספּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד פון מאָסקווע, האָט פאַר'סמ'ט גרויסע מאַסן פון דייטשן אַרבעטער קלאַס און האָט פאַרניכטעט דעם עצם פונדאַמענט פון דער אַרבעטער באַוועגונג — די איינִיקייט פון אַרבעטער קלאַס.

די קאָמוניסטן האָבן נישט נאָר געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די מאָנאַרכיסטן און פאַשיסטן אונטערצומינעווען די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, נאָר זיי האָבן אויך, פּונקט ווי די היטלעריסטן, זיך געפּוצט אין „פּאַטריאָטישע" נאַציאָנאַליסטישע פעדערן און געהעצט צו אַ מלחמה מיט פראַנקרייך, מיט דער הילף פון דער סאָוועטישער רויטער אַרמיי, נאַטירלאַך. דער גרעניץ צווישן קאָמוניזם און פאַשיזם איז אין די לעצטע פאָר יאָר, איידער היטלער איז אַריין אין מאַכט, פּאַקטיש אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. דאָס וואָס די קאָמוניסטן האָבן אין פאַרלויף פון די 14 יאָר געזייט, האָט דער היטלעריזם דערנאָך געשניטן. דער רעזולטאַט פון דער קאָמוניסטישער טעטיקייט איז געווען, אַז מיליאָנען פּאָליטיש־אומאַנטוויקלטע און דעמאָראַליזירטע דייטשן האָבן כסדר געהאַלטן אין איין אַרומוואַנדערן פון קאָמוניסטישן לאַגער אין דעם נאַציאָנאַלער און פאַרקערט. דאָס איז זייער טרעפלאַך אילוסטרירט געוואָרן אין אַ קאַרטון, וואָס איז, מיט אַ קורצער צייט פאַר היטלער'ס טריאומף, דערשינען אין איינער פון די בערלינער צייטונגען. דער קאַרטון האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אַ קאָמוניסט, אַ מיטגליד פון „רויטן פראָנט", וועלכער האָט, צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר, זיך צוגעקוקט צו דעם מאַרש פון אַן אָפּטיילונג פון היטלער'ס שטורם־טרופּן. „איך קען זיי אַלעמען, האָט דער קאָמוניסט אויסגערופן, ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרביימאַרשירט, „זיי זיינען אַלע געווען אין „רויטן פראָנט", ווען איך בין געווען אין די „שטורם־טרופּן".

די קאָמוניסטן האָבן גאָר ניט געזוכט צו באַהאַלטן, אַז זיי ווילן, אַז די פאַשיסטן זאָלן פריער פאַרכאַפּן די מאַכט. „נאָך היטלער'ן קומען מיר", האָט אין רייכסטאַג דערקלערט דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט רעמעלע. אין דערזעלבער צייט אָבער האָבן די קאָמוניסטישע פירער געזוכט איינצושמועסן די דייטשע אַרבעטער, אַז קיין פאַשיסטישע געפאַר איז גאָר אייגנטלאַך נישטאָ אין דייטשלאַנד און אַז דער הויפּט־פיינט פון אַרבעטער קלאַס איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויפ'ן פּלענום פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 19טן פעברואַר, 1932, האָט דער קאָמוניסטישער פירער ערנסט טהעלמאַן געזאָגט: „עס וואָלט געווען פאַלש צו גלויבן, אַז דער וויכטיקסטער פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין דייטשלאַנד, איז דער וואוקס פון פאַשיזם".

מיט אַ קורצער צייט איידער היטלער האָט אַריינגעכאַפּט די מאַכט, האָט פרידריך

שטאַמפּפער, דער רעדאַקטאָר פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן בערלינער „פאָרווערטס", אַ פּאָר מאָל באַזוכט דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין בערלין און געבעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל איבערגעבן די פירער פון דער סאָוועט־רעגירונג אין מאָסקווע, אַז נאָר אַן ערלאַכער און אויפריכטיקער פּאַראייניקטער פראָנט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן קען פאַרמיידן דעם זיג פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד. אָבער אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע האָט מען אים געענטפערט, אַז מאָסקווע גלויבט, אַז „פאַשיזם איז אומפאַרמיידלאַך אין דייטשלאַנד אַלס אַן איבערגאַנגס־שטופע צום קאָמוניזם" און אַז ער קען נישט דערוואַרטן וועלכע נישט איז שטיצע פאַר זיין אידייע. מאָסקווע און די קאָמוניסטן האָבן באַוואוסטזיניק דירעקט געהאָלפן היטלער'ן צו פאַרניכטן די פרייע דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין דייטשלאַנד און איינפירן די פינסטערע נאַצי־דיקטאַטור.

אפילו מיט אַ צייט שפּעטער, ווען היטלער איז שוין געווען אין מאַכט, האָט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון קאָמינטערן — דער מאָסקווער זשורנאַל „קאָמוניסטיטשעסקי אינטערנאַציאָנאַל" — נאָך אַלץ געשריבן, אַז „דער זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד האָט ניט געבראַכט, ווי דאָס האָט פאָראויסגעזאָגט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צו אַ דויערנדער רעאַקציע און צו אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע; פאַרקערט, דער זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד און דער זיג פון סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געבראַכט צום באַנקראָט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און צו אַן אויפלעבונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג אויף דער גאַנצער וועלט". („קאָמוניסטיטשעסקי אינטערנאַציאָנאַל" פון 1טן אויגוסט, 1935, זייט 19).

און ווי אַזוי האָבן געהאַנדלט די פירער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל נאָכדעם ווי היטלער איז שוין אריינגעקומען אין מאַכט? אין מאַי, 1933, ווען היטלער האָט שוין געהאַט דערשטיקט די פרייהייט און די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג און הונדערטער סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן דערמאָרדעט, טויזנטער פאַרקריפּלט און צענדליקער טויזנטער פאַרשפּאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז די קאָמוניסטישע סאָוועטן־רעגירונג געווען די ערשטע רעגירונג, וואָס האָט באַנייט איר האַנדלס־אָפּמאַך מיט דער נאַצי־רעגירונג, און זי האָט זאָגאַר געשלאָסן אַ פריינטשאַפט־אָפּמאַך מיט איר. די מאָסקווער „איזוועסטיא", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער סאָוועטן רעגירונג, האָט געשריבן, אַז „דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די איינציקע מלוכה וואָס האָט ניט קיין פיינטלאַכע געפילן צו דייטשלאַנד".

די סאָציאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט האָבן פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס היטלער איז אריין אין מאַכט, געפירט אַ קאַמף קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, אָבער, וועלכער איז אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער סאָוועט־רעגירונג, האָט אויך נאָך דעם ווי היטלער האָט פאַרניכטעט די פרייע רעפּובליק און פאַרוואַנדלט גאַנץ דייטשלאַנד אין אַ נאַצי־גיהנום, גערופן די אַרבעטער צו אַ פאַרניכטונגס־קריג קעגן די סאָציאַליסטן. אין דער מאָסקווער „פּראַווּדאַ", איז אין נומער פון ערשטן מאַי, 1933, אויף'ן סאַמע אויבן־אָן, געווען אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף פון דער עקזעקוטיווע פון קאָמינטערן צו די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט. דער אויפרוף האָט פאַרנומען באַלד אַ העלפט פון דער גאַנצער ערשטער זייט פון דער צייטונג. וועגן דעם נאַציִשן טעראָר אין דייטשלאַנד איז דאָרט געווען נישט מער ווי 12 שורות. דערפאַר אָבער איז 4 פינפטל פון דעם גאַנצן אויפרוף געווען פאַרנומען מיט די שענדלאַכסטע אַטאַקעס און בלבולים אויף די סאָציאַליסטן פון דייטשלאַנד

און פון אלע אנדערע לענדער. וועגן די דייטשע סאָציאַליסטן האָט דער אויפרוף דערציילט, אַז זיי זיינען שוין אַלע געוואָרן פאַשיסטן, און האָבן געמאַכט יד־אחת מיט היטלער'ן.

„אין דייטשלאַנד" — האָט די עקזעקוטיווע פון קאָמינטערן געבלאָזט, — „איז די וויכטיקסטע פּאַרטיי פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אַריבער אויף דער זייט פון פאַשיזם. איר פירער, אָטאָ וועלס, האָט ציניש אנערקענט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געבראַכט היטלער'ן צו דער מאַכט . . .

„דער וועג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז דער וועג פון דעם גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל . . .

„די היפּאָקריטישע פראַזן פון די פראַנצויזישע און ענגלישע סאָציאַליסטן קעגן דעם דייטשן פאַשיזם זיינען נאָר אַ מאַסקע צו באַהאַלטן זייער אייגענעם „נאַציאָנאַלן" אימפּעריאַליזם, וועלכער גרייט צו אַ נייע מלחמה".

די פראַנצויזישע און ענגלישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם היטלער־טעראָר אין דייטשלאַנד, זיינען פון דעם מאָסקווער קאָמינטערן געשטעמפּלט געוואָרן אַלס „היפּאָקריטן" און „פאַרדאַמטע אימפּעריאַליסטן", וועלכע גרייטן צו אַ נייע מלחמה. דאָס איז געווען פּונקט דאָס זעלבע, וואָס עס האָבן צו יענער צייט געשריבן געבעלס און גערינג . . .

וועגן דעם „פּאַראייניקטן פראָנט" האָט די עקזעקוטיווע פון קאָמינטערן אין זעלבן אויפרוף געשריבן:

„אַ פּאַראייניקטער פראָנט פון אונטן און ניט אונטערהאַנדלונגען מיט די פירער, מיט וועלס'ן און רענאָדעל'ן *) — אָט וואָס מיר דאַרפן איצט האָבן . . . דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל דערקלערט איצט פאַר די מיליאָנען אַרבעטער פון דער וועלט, אַז ס'קען ניט זיין קיין אמת'ע איינינקייט פון אַרבעטער־קלאַס אָן אַ קאַמף צו שטירצן מיט געוואַלד די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, און איינפירן אַ פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. דער באַנקראָט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאָס איז דער באַנקראָט פון דער לעגענדע פון דעם גאַנצן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל וועגן דעמאָקראַטיע אַלס דעם וועג צום סאָציאַליזם. זייט וויסן, אַרבעטער, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער וועג צו באַפרייען זיך פון דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם, ווי נאָר אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, און אַ פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור . . . פאַרטרייבט פון אייערע רייען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע . . ."

אין אַנדערע ווערטער, אַן אמת'ן און ערלאַכן פּאַראייניקטן פראָנט צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן האָט דער קאָמינטערן אפילו נאָך היטלער'ס זיג אין דייטשלאַנד נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר נישט מעגלאַך און נישט ווינשנסווערט. דער קאָמינטערן האָט זיך דערקלערט צו גונסטן פון אַ „פּאַראייניקטן פראָנט" פון אַלע אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַר אַ „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע" און פאַר אַ „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור". דאָס הייסט, פון אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען קאָמוניסטן און וואָס זיינען וויליק צו לאָזן זיך פירן פון מאָסקווע.

קיין וואונדער ניט וואָס די מאָסקווער „פּראַוודאַ" און די „איזוועסטיאַ" זיינען אַ לאַנגע צייט פראַנק און פריי אַריינגעלאָזן געוואָרן אין דער היטלעריסטישער דייטשלאַנד, בעת אַלע סאָציאַליסטישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, אַריינרעכענדיק

---

*) פּיער רענאָדעל איז דאַן געווען איינער פון די פירער פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

אויך די אָרגאַנען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונגען פון שוועדען און דענמאַרק, זיינען דאָרט גלייך ווי היטלער איז אריין אין מאַכט פאַרבאָטן געוואָרן.

דער זיג פון פאַשיזם אין עסטרייך איז געקומען שוין אַלס רעזולטאַט פון היטלער'ס זיג אין דייטשלאַנד און פון מוסאָליני'ס אַקטיווער אריינמישונג. אָבער אויך אין עסטרייך האָבן די קאָמוניסטן אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ געטאָן צו העלפן די סאָציאַליסטן אויפהאַלטן די פרייהייט און די רעפּובליק. פאַרקערט, אין פעברואַר 1934, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פון עסטרייך האָבן העלדיש געקעמפט און זיינען געשטאָרבן אויף די באַריקאַדן, האָט די קאָמוניסטישע פּרעסע פון אַלע לענדער, אויפ'ן באַפעל פון מאָסקווע, אויפ'ן שענדלאַכסטן אופן אַטאַקירט די עסטרייכישע סאָציאַליסטן און פאַרשפּרייט וועגן זיי די געמיינסטע ליגנס.

5—די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די רוסישע באָלשעוויקעס.

אָבער וואָרום, פֿרעגן פֿילע, האָבן די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיך אונטער־געגעבן היטלער׳ן אָן אַ קאַמף? די וואָס שטעלן די דאָזיקע פֿראַגע פֿאַרגעסן, אַז אין דער צייט פֿון היטלער׳ס זיג, זיינען די רעאַקציאָנערן אין דייטשלאַנד געווען פֿאַר־אייניקט, און זייער שטאַרק, בעת די אַרבעטער זיינען געווען צעטיילט און שרעקלאַך אָפּגעשוואַכט פֿון דער לאַנגער אַרבעטסלאָזיקייט. די מעכטיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון דייטשלאַנד האָט אין פֿאַרלויף פֿון 15 יאָר נאָכאַנאַנד געהעצט קעגן דער רע־פּובליק, אַגיטירט פֿאַר דיקטאַטור, און געהאָלטן אין איין אַריינהאַמערן אין די מוחות פֿון די דייטשע מאַסן, אַז די סאָציאַליסטן און ניט היטלער זיינען די ערגסטע פֿיינט פֿון אַרבעטער־קלאַס. היטלער האָט אין יאַנואַר 1933, אויף זיין זייט געהאַט ניט ווייניקער ווי אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער דייטשער באַפֿעלקערונג, און דערצו נאָך אַ באַוואָפֿנטע אַרמיי פֿון אַ מיליאָן ווילדע פֿאַנאַטיקער, און אויך דעם רייכסווער, די רעגולערע אַרמיי פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע סאָלדאַטן, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען פֿאַר־רעכנט פֿאַר איינע פֿון די בעסטע אַרמייען אין איירָאָפּע. מען קען זיך פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַ ר אַ בלוט־באָד די נאַציס, צוזאַמען מיט די מיליטאַריסטישע יונקערס וואָלטן געמאַכט אין דייטשלאַנד, ווען די סאָציאַליסטן וואָלטן אין מערץ 1933 נאָר פּרובירט מאַכן אַן אויפֿשטאַנד, ווען מען זעט ווי אַזוי זיי האָבן אָן אַן אויפֿשטאַנד דערמאָרדעט און געפּייניקט טויזנטער סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן און צענדליקער טויזנטער פֿאַר־שפּאַרט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַ גענעראַל־סטרייק אין דייטשלאַנד וואָלט אין מערץ 1933 געווען נאָך אַ סך אַ גרעסערער דורכפֿאַל, ווי דער גענעראַל סטרייק אין עסטרייך אין פֿעברואַר 1934. וואָרום אין מערץ, 1933, זיינען אין דייטשלאַנד פֿון יעדע הונדערט אָרגאַניזירטע אַרבעטער, גאַנצע 70 געווען טיילוויים אָדער אינ־גאַנצן אַרבעטלאָז. דער פֿאַקט איז, אַז די קאָמוניסטישע פֿירער האָבן טאַקע יאָ דער־קלערט אַ גענעראַל־סטרייק, אָבער אַפֿילו די קאָמוניסטישע אַרבעטער גופֿא האָבן אויך ניט געפֿאָלגט דעם סטרייק־רוף פֿון זייער פּאַרטיי.

ניט קיין אַנדערער ווי דער סעקרעטער פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָסיפּ פּיאַטניצקי, האָט אין יאָר 1934, געמוזט צוגעבן, אַז אין מערץ, 1933, וואָלט אַ באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד אין דייטשלאַנד געווען „אַן אַוואַנטורע און אַ פֿאַרברעכן". אין דער בראָשור, וואָס פּיאַטניצקי האָט אַרויסגעגעבן אויף דייטש, אונטער דעם טיטל „די קעגנוואַרטיקע לאַגע אין דייטשלאַנד", האָט ער געשריבן, אַז שולדיק אין דעם זיג פֿון פֿאַשיזם אין דייטשלאַנד זיינען נאַטירלאַך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. וואָרום? ווייל זיי האָבן ניט דערלאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צו אָרגאַניזירן אַן אמת׳ן ווידערשטאַנד אין דעם אויגנבליק, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט. מיט אַ פּאָר צייל ווייטער, אָבער, איז פּיאַטניצקי געצוואונגען געווען צוצוגעבן, אַז שולדיק זיינען טיילווייז געווען די קאָמוניסטן אַליין. זיי האָבן קיין שום איינפֿלוס ניט געהאַט אויף די פֿאַבריקן. (אין 1934 האָבן די קאָמוניסטישע פֿירער שוין אויס־געזאָגט אָט דעם סוד!).

„דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ביז צום הייַנטיקן טאָג ניט געלונגען צו שאַפֿן פֿאַר זיך שטיץ־פּונקטן אין די פֿאַבריקן, אָן וועלכע קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי קען

ניט פירן קיין ערנסטע פראפאגאנדע", האט געשריבן דער סעקרעטאר פון קאמוניס־טישן אינטערנאציאנאל. פיאטניצקי איז געגאנגען נאך ווייטער. ער האט דערקלערט, אז די קאמוניסטישע פארטיי האט אפילו ניט געפרואווט געבן קיין ווידערשטאנד היטלער'ן, ווייל זי האט ניט געקענט פאראויסזען, צו וואס היטלער'ס זיג וועט פירן.

„די קאמוניסטישע פארטיי", האט געשריבן פיאטניצקי, „האט זיך גערעכנט מיט דער מעגלאכקייט, אז זי וועט אונטער א וועלכן עס איז פראוואקאטארישן אויס־רייד פארבאטן ווערן פון דער פאשיסטישער מאכט. אבער אז דער טעראר וועט מיט אמאל אננעמען אזא אומגעהויערן פארנעם, און אז די פראוואקאציע וועט טראגן אזא פרעכן כאראקטער, דאס האט די פארטיי ניט געקענט פאראויסזען. דער רעזולטאט פון דעם איז געווען, אז דער ארבעטער־קלאס איז ניט געווען אימשטאנד צו געבן א ווידערשטאנד. די פאשיסטן האבן צענויפגעזאמלט ארום זיך זייער באנאבטע מענטשן פון די קליינבירגערלאכע עלעמענטן, און האבן אויפגעבויט א מאסן־ארגאני־זאציע פון אומגעהויערער מאכט — א פיל בעסערע ווי די ארגאניזאציע פון דער קאמוניסטישער פארטיי. אין יאנואר, 1933, איז אין דייטשלאנד ניט געווען קיין רעוואלוציאנערע סיטואציע, און די קאמוניסטישע פארטיי פון דייטשלאנד איז ניט געווען אימשטאנד צו פארהינדערן היטלער'ס ארייננקומען אין מאכט. ווען די קאמו־ניסטישע פארטיי וואלט אונטער די דאמאלסטיקע באדינגונגען אויפגעפאדערט צו א באוואפנטן אויפשטאנד, וואלט עס געווען אן אוואנטיורע און א פראברעכן".*)

נו, זאגן מאנכע, אז די דייטשע סאציאל־דעמאקראטן האבן גלייך נאכדעם ווי דער קאיזער איז ארונטערגעזעצט געווארן, באדארפט פאלגן די קאמוניסטן און פראקלאמירן א דיקטאטור, וואלט דאן נישט געקומען צו קיין היטלעריזם. אט זעט איר דאך, זאגן זיי, אין רוסלאנד, וואו די קאמוניסטן האבן גלייך נאך דער רעווא־לוציע זיך ניט גערעכנט מיט'ן ווילן פון דער מאיאריטעט פון פאלק און האבן איינ־געפירט א דיקטאטור, איז טאקע ניטא קיין פאשיזם. די וואס טענה'ן אזוי, פארגעסן, אז די אמת'ע רעוואלוציע אין רוסלאנד, די רעוואלוציע קעגן דעם צארישן רעזשים, האבן געמאכט די סאציאליסטן און די ליבעראלן און ניט די קאמוניסטן. די באלשע־וויסטישע פירער זיינען געקומען מערסטנס פון אויסלאנד אויף אלעם פארטיקן, שוין נאכדעם ווי דער מעכטיקער צאריזם איז פארניכטעט געווארן פון אנדערע, און זיי האבן דורך א מיליטערישער פארשווערונג געשטירצט די פרייע דעמאקראטישע רעגירונג פון סאציאליסטן און ליבעראלן, וואס האט נאך קיין צייט ניט געהאט צו באפעסטיקן זיך אין לאנד. לענינ'ען און טראצקי'ן וואלט זיך קיינמאל ניט איינגעגעבן צו פארכאפן די מאכט, ווען זיי וואלטן ניט געהאט פארשפראכן די סאלדאטן תיכף צו פארענדיקן די מלחמה און איינרופן גלייך די דעמאקראטישע גרינדונגס־פארזאמלונג. די באלשעוויקעס האבן ניט דערציילט די ארבעטער און די סאלדאטן, אז זיי גייען איינפירן א דיקטאטור. פארקערט, זיי האבן די גאנצע צייט זיך גאר ארויסגעשטעלט פאר די איינציקע אמת'ע און אויסגעהאלטענע אנהענגער פון דעמאקראטיע. ערשט דאן, ווען זיי האבן פארכאפט די מאכט, האבן זיי אפגעשאפט אלע דעמאקראטישע פרייהייטן אין לאנד, האבן אונטערדריקט אלע זייערע קעגנער און איינגעפירט א דיקטאטור פון זייער אייגענער פארטיי איבער'ן גאנצן פאלק. מיט אנדערע ווערטער, די באלשעוויקעס האבן געטאן פונקט דאסזעלבע, וואס עס האבן שפעטער געטאן די

*) די אלע אויסצוגן פון פיאטניצקי'ס בראשור זיינען ענטנומען פון פראגער „סאציאל־דעמאקראט" פון 21טן יאנואר, 1934.

פאַשיסטן אין מאַנכע לענדער. לענין, טראָצקי און סטאַלין האָבן געצייגט דעם וועג די פאַשיסטן. מוסאָליני און היטלער קאָפּירן אַלץ פון די באָלשעוויקעס. אין דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד עקזיסטירט דיזעלבע פיזישע און גייסטיקע שקלאַפעריי און אונטערדריקונג, וואָס אין די פאַשיסטישע לענדער. אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון סאָוועט־רוסלאַנד זיינען איינגעשפּאַרט אַ סך מער אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, ליבעראַלן און אונפּאַרטייאישע, ווי אין אַלע פאַשיסטישע לענדער צוזאַמענגענומען. שלעכט ווי עס איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן אין די פאַשיסטישע לענדער, איז זי אין סאָוועטן־רוסלאַנד נאָך טויזנטער מאָל ערגער. קיין לאַנד ווייס ניט פון אַזאַ הונגער און נויט ווי סאָוועט־רוסלאַנד, און דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט נאָר פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור.

די באָלשעוויקעס האָט זיך טאַקע איינגעגעבן דורך די מיטלען פון טעראָר און דיקטאַטור איינצוהאַלטן זייער מאַכט, אָבער זיי האָבן דערביי פאַרוואַנדלט די 160 מיליאָן איינוואוינער פון רוסלאַנד אין אַ פאָלק פון האַלב־הונגעריקע און דערשלאָגענע שקלאַפן. גראָד רוסלאַנד האָט געצייגט, אַז אפילו די ערגסטע דעמאָקראַטיע איז בעסער פאַר די אַרבעטער ווי די בעסטע דיקטאַטור. דורך דיקטאַטור קען מען בלויז קומען צו שקלאַפעריי, אָבער ניט צו פרייהייט און ניט צו סאָציאַליזם. דערפאַר האָבן די דייטשע סאָציאַליסטן געזוכט מיט אַלע זייערע כחות אויפצוהאַלטן די דעמאָקראַטיע אין זייער לאַנד. און אויב די פרייע דעמאָקראַטישע רעפּובליק פון דייטשלאַנד איז טראָצדעם דאָך פאַרניכטעט געוואָרן, איז עס געשען צום גרעסטן טייל אַ דאַנק די קאָמוניסטן.

אפילו שוין נאָכדעם, ווי גאַנץ דייטשלאַנד איז געלעגן אונטער דעם אייזערנעם קנאַפל פון היטלער׳ן, און די נאַצים האָבן, צוזאַמען מיט דער פרייהייט און דער דעמאָקראַטיע, פולשטענדיק פאַרניכטעט די דייטשע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז געווען דער שטאָלץ פון קאָמינטערן, האָט די סאָוועט־רעגירונג נאָך אויך ניט געפונען פאַר מעגלאַך איבערצורייסן איר פריינטשאַפט מיט די נאַצים. ווען די סאָציאַליסטן און די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט האָבן דערקלערט אַן עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד, איז סאָוועט רוסלאַנד נישט נאָר אַליין נישט צוגעשטאַנען צום באָיקאָט, נאָר דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט נאָך אינסטרואירט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זאָלן אַגיטירן קעגן דעם באָיקאָט. אין נאָוועמבער 1933 איז כמעט אין אַלע קאָמוניסטישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון בעלאַ קון, וועלכער איז דעמאָלט געווען איינער פון די זיילן פון קאָמינטערן. אין יענעם אַרטיקל האָט דער טרויעריק־באַרימטער, געוועזענער קאָמוניסטישער דיקטאַטאָר פון אונגאַרן, געגאָסן פעך און שוועבל אויף די סאָציאַליסטן און טרייד־יוניאָניסטן פון דער גאַנצער וועלט, פאַרוואָס זיי פירן אָן דעם באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד. ער האָט די באָיקאָט באַוועגונג קעגן דייטשלאַנד באַצייכנט אַלס אַ מאַנעוורע פון די ענגלישע און פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן, און ער האָט גערופן די קאָמוניסטן צו קעמפן קעגן דעם באָיקאָט.

„דער באָיקאָט אויף דייטשע סחורות", האָט בעלאַ קון געשריבן, „איז בלויז אַ מאַנעוורע אָפּצואָווענדן די אַרבעטער פון דעם אמת׳ן קאַמף קעגן דעם דייטשן פאַשיזם און קעגן פאַשיזם אין זייערע אייגענע לענדער . . . דער באָיקאָט ברענגט נוצן דער אייגענער בורזשואַזיע, די שותפים פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס".

„די קאמוניסטן וועלן זיך באטייליקן אין יעדער מאסן־אקציע וואס קען שעדיקן דעם פאשיזם, — האט דער זייל פון קאמינטערן געשריבן, — „זיי וועלן אבער ניט דערלאזן דערצו, אז זיי זאלן אויסגענוצט ווערן אלס א מיטל אין די הענט פון איין אימפעריאליסטיש לאנד קעגן אן אנדער אימפעריאליסטיש לאנד . . . דער באיקאט ווערט אין דער אמת'ן דיקטירט פון די אינטערעסן פון דער אייגענער אינדוסטריע, וועלכע וויל זיך שיצן קעגן אויסלענדישער קאנקורענץ . . . אלע אנטי־פאשיסטישע ארבעטער מוזן איינזען, אז די סאציאליסטישע באיקאט באוועגונג איז א שווינדל". (זע די ניו יארקער „מארגן־פרייהייט" פון 22טן נאוועמבער, 1933).

אט אזוי האט גע'דרשנ'ט דער כהן גדול פון קאמינטערן אויף די שפאלטן פון די קאמוניסטישע צייטונגען פון דער גאנצער וועלט. די באהויפטונג, אז דער באיקאט קעגן דייטשלאנד ווערט כלומרשט געפירט אין די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, וועלכע וויל זיך שיצן קעגן דער קאנקורענץ פון דער דייטשער אינדוסטריע, איז געווען א שענדלאכער בלאף, וואס איז גלייכצייטיק פארשפרייט געווארן פון די נאצים און פון די קאמינטערן־לייט. די סאציאליסטישע ארבעטער פון האלאנד זיינען געווען די ערשטע וואס האבן אנגעפאנגען דעם באיקאט קעגן נאצי־דייטשלאנד, בעת די האלענדישע רעגירונג און די גאנצע קאפיטאליסטישע פרעסע פון האלאנד איז די גאנצע צייט געווען ענטשידן קעגן דעם באיקאט. דאס זעלבע איז אויך געווען אין פוילן. די סאציאליסטישע פארטייען, די פ. פ. ס., דער „בונד" און די פועלי ציון האבן ענערגיש אגיטירט פאר'ן באיקאט, בעת אלע קאפיטאליסטישע פוילישע פאר־טייען, ווי אויך די רעגירונג, האבן פון ערשטן טאג אן באקעמפט דעם באיקאט. אין ענגלאנד און אין די פאראייניגטע שטאטן האבן פאר דעם באיקאט אגיטירט בלויז די אידישע צייטונגען (אויסער דער קאמוניסטישער „פרייהייט") און די ענגלישע סאציאליסטישע און טרייד־יוניאן ארגאנען. קיין איין גרויסע קאפיטאליסטישע צייטונג פון ענגלאנד אדער פון די פאראייניגטע שטאטן האט דעם באיקאט קיינמאל ניט גע־שטיצט, און די רעגירונגען פון ביידע לענדער האבן זיך אויך באצויגן פיינטלאך צום באיקאט. די הערן פון קאמינטערן האבן דאס אלץ גוט געוואוסט, זיי איז אבער דאן געגאנגען אין לעבן ארונטער־צורייסן דעם באיקאט קעגן נאצי־דייטשלאנד. האבן זיי געשטעמפלט די באיקאט־באוועגונג אלס א קאנטער־רעוואלוציאנערע פארשווערונג פון דער אייראפעאישער בורזשואזיע. ערשט מיט א צייט שפעטער האט מאסקווע געענ־דערט איר באציאונג צו נאצי־דייטשלאנד.

ערשט ווען הוגענבורג און שאכט האבן אין יולי 1934, אויף דער עקאנאמישער קאנפערענץ אין לאנדאן, צונעשטעלט א מעמאראנדום, אין וועלכן זיי האבן באוויזן ווי נויטיק עס איז פאר דייטשלאנד אויסצוברייטערן זיך אין מזרח, האט די סאוועט־רעגירונג זיך דערשראקן פאר א מעגלאכן אנפאל פון נאצי־דייטשלאנד און זי האט אויף שנעל געשלאסן אן אפמאך מיט פראנקרייך און טשעכאסלאוואקיע. זי איז ארייננעטראטן אין דער פעלקער־ליג און האט געצוואונגען די קאמוניסטן פון די אנדערע לענדער איבערצוקוליען זיך דורך נאכט און ארויסטרעטן אלס פארטיידיגער פון דעמאקראטיע און אלס פארקעמפער פאר א פאלקס־פראנט.

אבער אפילו אויך נאכדעם ווי די באציאונגען צווישן מאסקווע און בערלין זיינען געווארן שטארק אנגעצויגן, איז סטאלינ'ס רעגירונג, נאך אלץ פארבליבן איינע פון די בעסטע קאסטומער, וועלכע די דייטשע נאצים האבן פארמאגט אין אויסלאנד. לויט דעם אפיציעלן באריכט פון דעם סאוועטישן אויסלענדישן האנדל, וואס איז אין 1936 פאר־

עפנטלאכט געוואָרן אין מאָסקווע, איז דער דייטשער עקספּאָרט קיין סאָוועט־רוסלאַנד געווען פיל גרעסער, איידער ער איז געווען פאַר היטלער'ס אריינקומען אין מאַכט. אין יאָר 1932 האָט סאָוועט־רוסלאַנד געקויפט אירע מערסטע סחורות אין אַמעריקע. דייטש־לאַנד האָט אין רוסלאַנד'ס אויסלענדישן האנדל פאַרנומען דעם צווייטן און אַמאָל דעם דריטן פּלאַץ. אין 1936 אָבער איז דייטשלאַנד אין די אָפיציעלע באַריכטן וועגן סאָוועטישן האנדל מיט אַנדערע לענדער געשטאַנען אויפ'ן ערשטן פּלאַץ, אַמעריקע אויפ'ן צווייטן פּלאַץ און ענגלאַנד אויפ'ן דריטן. די דאָזיקע פאַרטיילונג פון די סאָוועטישע באַשטעלונגען אין אויסלאַנד האָט זיך באַצויגן אויף די ערשטע זיבן מאָנאַטן פון יאָר 1936, ד. ה. אויף אַ צייט פון דריי און אַ האַלב יאָר נאָכדעם ווי די נאַציס זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים פון דייטשלאַנד און ווען די סאָוועטישע הערשער האָבן געהאַט גענוג צייט צוריקצוציען זייערע באַשטעלונגען פון נאַצי־לאַנד, ווי דאָס האָבן געטאָן פּראָגרעסיווע פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער.

אין משך פון יאָר 1936 האָט די סאָוועט־רעגירונג געקויפט אין דייטשלאַנד פאַרשידענע סחורות אויף דער סומע פון 308 מיליאָן מיט 400 טויזנט רובל און פאַרקויפט צו דייטשלאַנד האָט זי פאַרשייעדענע פּראָדוקטן און סחורות אויף דער סומע פון 120 מיליאָן מיט 400 טויזנט רובל.

אין פאַרלויף פון די 9 מאָנאַטן פון יאַנואַר ביז ענדע סעפּטעמבער פון יאָר 1937, האָט די סאָוועט־רעגירונג געקויפט אין דייטשלאַנד פאַר 180 מיליאָן מיט 318 טויזנט רובל סחורות און פאַרקויפט צו דייטשלאַנד האָט זי פאַר 84 מיליאָן מיט 99 טויזנט רובל סחורות. דער באַלאַנס פון דעם סאָוועטיש־דייטשן האנדל צו גונסטן פון דייטש־לאַנד האָט צו סוף פון די 21 מאָנאַטן באַטראָפן 284 מיליאָן מיט 210 טויזנט רובל — אַ גאַנץ שיינער ביישטייער צו דייטשלאַנד'ס עקאָנאָמישער מאַכט, אַ ביישטייער, פאַר וועלכן היטלער און גערינג האָבן זיכער געהאַט אַלע אורזאַכן צו זיין שטאַרק דאַנקבאַר כאַווער סטאַלינען.

פון אַ רעגירונג, וואָס גיט זיך אַרויס אַלס אַ קאָמוניסטישע אַרבעטער־רעגירונג, האָט מען געקענט דערוואַרטן, אַז זי וועט זיין די ערשטע אָנצושליסן זיך אָן דער באָיקאָט־באַוועגונג קעגן דעם בלוטיקן נאַצי־רעזשים, וואָס האָט הונדערטער קאָמו־ניסטן אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט, צענדליקע טויזנטער קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, ליבעראַלן און אידן איינגעשפּאַרט אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַרוואַנדלט די דייטשע מאַסן אין שקלאַפן און צוגעגרייט אַ נייע בלוט־באַד פאַר אייראָפּע.

די סאָוועט־רעגירונג האָט באַוואוסטזיניק געהאָלפן ברעכן דעם וועלט־באָיקאָט קעגן היטלער'ן, זי האָט געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן היטלער'ס עקאָנאָמישע, פינאַנציעלע און מיליטערישע מאַכט.

6—ווי אַזוי מאָסקווע און די קאָמוניסטן האָבן „געקעמפט" קעגן פאַשיזם

אין פראַנקרייך האָבן די קאָמוניסטן אין 1934 זיך פאַראייניקט מיט די סאָציאַליסטן און מיט די בורזשואַזע ראַדיקאַלן אין אַן אַזוי־גערופענעם „פאָלקס־פראָנט" אויף צו באַקעמפן דעם פאַשיזם און די רעאַקציע. די קאָמוניסטן זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען די באַוועגונג פאַר'ן „פאָלקס־פראָנט" פריער אין פראַנקרייך און דערנאָך אין אַלע אַנדערע לענדער, אויסער סאָוועט־רוסלאַנד, פאַרשטייט זיך. די הויפּט־טענה פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַנדלט לויט די אינסטרוקציעס פון מאָסקווע, איז געווען, אַז דעם פאָלקס־פראָנט דאַרף מען האָבן כדי צו פאַרצאַמען דעם וועג דעם פאַשיזם, וועלכער דראָט צו פאַרניכטן די דעמאָקראַטיע און די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן אין אַלע לענדער. כדי צו געווינען די מאַסן פאַר'ן פאָלקס־פראָנט, האָבן די קאָמוניסטישע צייטונגען און די קאָמוניסטישע רעדנער געהאַלטן אין איין מגזם זיין די פאַשיסטישע געפאַר אין די פרייע לענדער. זיי האָבן געהאַלטן אין איין אַנטדעקן געפערלאַכע פאַשיסטישע פאַרשווערונגען אפילו אויך דאָרט, וואו עס איז קיין סימן נישט געווען פון פאַשיזם. אַ געוויסע צייט איז אפילו פרעזידענט רוזוועלט אַטאַקירט געוואָרן פון די קאָמוניסטן אַלס פאַשיסט. רוזוועלט'ס „ניו דיל" איז אין דער קאָמוניסטישער פרעסע אין פאַרלויף פון עטלאַכע יאָר נאָכאַנאַנד באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ שטיק פאַשיזם. (שפּעטער האָט דער קאָמינטערן געענדערט זיין באַציאונג צו דער רוזוועלט אדמיניסטראַציע). עס האָט געהייסן, אַז דער פאָלקס־פראָנט איז נויטיק אין אַלע לענדער אויף צו באַשיצן די דעמאָקראַטיע פון דער פאַשיסטישער געפאַר, וואָס לויערט אויף איר אין די פרייע לענדער און אויף צו ערוואַבערן פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין די לענדער, וואו עס הערשט אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור.

אין דער אמת'ן איז דער קאָמינטערן ווייניקער פון אַלץ געווען פאַראינטערעסירט אין קעמפן קעגן דעם פאַשיזם אָדער קעגן דער פאַשיסטישער געפאַר אין די פרייע לענדער. די אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע און פון סאָציאַליזם אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער, זיינען סטאַלינען אפילו אין דער לינקער פּיאַטע ניט געלעגן. סטאַלין האָט אָבער געציטערט זייער שטאַרק פאַר אַן אַטאַקע אויף רוסלאַנד מצד נאַצי־דייטשלאַנד אָדער מצד נאַצי־דייטשלאַנד צוזאַמען מיט יאַפּאַן, און פיליכט אויך מיט דער הילף פון איטאַליע. די פירער פון די נאַציס האָבן אָפן געפּלאַנעוועט אָפּצורייסן אוקראַינע און אַנדערע טעריטאָריעס פון רוסלאַנד. פאַר סטאַלינען איז, דעריבער, זייער וויכטיק געווען צו האָבן ניט בלויז אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין דייטשלאַנד גופא, אַ ברייטע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין פרייַנטלאַך צו סאָוועט־רוסלאַנד און וואָס זאָל שטיצן די אויסלענדישע פּאָליטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג, און פאַר דעם צוועק איז נויטיק געווען צוצוגעבן דעם „פאָלקס־פראָנט" אַ וואָס מער ברייטערן כאַראַקטער, אַריינציִען אין אים אויך אפילו דעם טייל פון די פאַשיסטן וועלכע זיינען געווען פאַר אַ פאַרשטענדיקונג מיט סאָוועט־רוסלאַנד.

אין זומער 1937 איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד אַרויסגעקומען מיט אַ רוף פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די דייטשע נאַציס. דער סענסאַציאָנעלער אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד,

וועלכער האָט געראָפן „אָפּצושטעלן דעם האַס" צווישן נאַציס און קאָמוניסטן און צו „אַ פאַראייניקונג פון קאָמוניסטן, נאַציס, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאַטאָליקן אין קאַמף קעגן די 3,000 מיליאָנערן", איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער פּראַגער „דייטשער פאָלקסצייטונג", אָרגאַן פון די קאָמוניסטישע פליכטלינגען פון דייטשלאַנד און פון קאָמינטערן, און איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּראַגער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" פון 22טן אָקטאָבער, 1937. דער קאָמוניסטישער אויפרוף איז געווען געווענדט דירעקט צו די נאַציס, וועלכע זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס „פאָלקס־גענאָסן" און „טרייע קאַמעראַדן", מיט וועלכע עס איז נויטיק „אַ ברידערלאַכע פאַראייניקונג", ניט כדי ארונטערצוואַרפן די בלוטיקע היטלער־דיקטאַטור, נאָר כדי צו באַקעמפן „די 3,000 מיליאָנערן" און שאַפן אַ גליקלאַכע דייטשלאַנד, „אַ פאַראייניקטן פאָלק פון ברידער".

„מיר זיינען פאַר דייטשלאַנד", האָט געשריבן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין זיין אויפרוף, „פאַר דייטשלאַנד, דאָס הייסט, פאַר אַ פאַראייניקונג פון פאָלק קעגן דער מאַכט פון די 3,000 מיליאָנערן. לאָמיר זיך דריקן ברידערלאַך, איינער דעם אַנדערן, די הענט, און זיך פאַראייניקן! אין קאַמף קעגן די 3,000 מיליאָנערן וועסטו, דייטש פאָלק, קענען זיין דערפאָלגרייך, ווען דו וועסט פאַרווירקלאַכן די ווערטער פון אונזער גרויסן דייטשן דיכטער שילער, וועלכער האָט געזאָגט אין זיין דראַמע „ווילהעלם טייל": „מיר ווילן זיין אַ פאַראייניקט פאָלק פון ברידער".

„דו נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט (נאַצי), דו סאָציאַל־דעמאָקראַט, דו אַרבעטער, דו פויער, דו בעל־מלאכה, דו וויסנשאַפטסמאַן! האָבן מיר דען ניט אַלע זין פון דייטשן פאָלק די זעלבע בענקשאַפט נאָך פרידן, פרייד און וואוילזיין? האָבן מיר דען היינט ניט די זעלבע נויטן? לאָמיר שליסן אַ טרייע קאַמעראַדשאַפט, כדי צו פאַרטיידיקן אונזערע לעבנס־אינטערעסן און דעם פרידן. צו פאַרטיידיקן דייטשלאַנד קעגן דער אויבערשטער שיכט פון די 3,000 מיליאָנערן".

די קאָמוניסטישע „דייטשע פאָלקסצייטונג" האָט אין איר לייט־אַרטיקל, וואָס איז געדרוקט געווען אין זעלבן נומער, געזאָגט, אַז דער אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז אַן ענטפער אויף היטלער'ס רעדע אין ניורעמבערג. „די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון דייטשלאַנד", האָט דער אָרגאַן פון קאָמינטערן געשריבן, „האָט אויף היטלער'ס רעדע געענטפערט מיט אַן אויפרוף פאַר אַ פאַראייניקונג פון די אַנטי־פאַשיסטישע מאַסן מיט די נאַצישע מאַסן".

נו, און ווען זיי וועלן זיך שוין פאַראייניקן, וואָס וועלן זיי דאַן טאָן? אַרונטערוואַרפן היטלער'ן? חלילה! די „דייטשע פאָלקסצייטונג" האָט אין איר לייט־אַרטיקל געשריבן:

„דער אויפרוף פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון דייטשלאַנד פאָדערט אויף דאָס דייטשע פאָלק צו האַלטן זיך צוזאַמען, צו האַלטן ביים וואָרט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער און אין טרייער קאַמעראַדשאַפט דורכצופירן אַזוינע פריערדיקע פאָדערונגען פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער (היטלעריסטישער) פּראָגראַם, וואָס אַנטשפּרעכן די פאָדערונגען פון פאָלק".

„דער לעבנס אינטערעס פון דעם דייטשן פאָלק פאָדערט, אַז די ניט־נאַציס זאָלן אויסשטרעקן אַ ברודער־האַנט די נאַצישע מאַסן, כדי אַנשטאָט דעם האַס זאָל קומען אַ פאַרטרויאונגספולע צוזאַמענאַרבעט אין קאַמף פאַר פרידן, פרייהייט און וואוילזיין".

דער דאָזיקער אויפרוף פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי אַלע אַנדערע אויפרופן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אויפ'ן באַפעל, נאַטירלאַך, פון קאָמינטערן. מען האָט דאָרטן אין מאָסקווע אין איין שיינעם פרימאָרגן באַשלאָסן, אַז אין די אינטערעסן פון דער סאָוועט־רוסישער פּאָליטיק איז נויטיק, אַז די דייטשע קאָמוניסטן זאָלן אויסשטרעקן אַ ברידערלאַכע האַנט די „דייטשע קאַמעראַדן" פון היטלער'ס פּאָגראָם־אַרמיי. און די פירער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען געווען געצוואונגען דעם באַפעל אויסצופאָלגן. די יעניגע פון זיי, וואָס זיינען נישט געווען איינשטימיג מיט אַזאַ טאַקטיק, ווי צ. ב. רעממעלע, האַנץ ניומאַן, מאַקס העלץ און אַנדערע, זיינען אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע און זיינען דאָרט שטילערהייט „ליקווידירט" געוואָרן, ד. ה. פּשוט דערשאָסן געוואָרן.

די זעלבע טאַקטיק האָט מאָסקווע אַרויפגעצוואונגען אויך אויף די איטאַליענישע קאָמוניסטן. אין דער באַזעלער „רונדשוי", אָפיציעלער אָרגאַן פון קאָמינטערן, פון 20טן אויגוסט, 1936, איז דערשינען אַן אויפרוף וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון איטאַליע האָט אַרויסגעלאָזט צו די פאַשיסטן פון איטאַליע. אין דעם אויפרוף איז קודם כל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז איטאַליע ווערט עקספּלואַטירט פון אַ הייפל גרויס־קאַפּיטאַליסטן. דאַן איז ווייטער געזאָגט געוואָרן פאָלגנדעס:

„נאָר די ברידערלאַכע פאַראייניקונג פון איטאַליענישן פאָלק, וואָס קען דער־גרייכט ווערן דורך אַ פרידן צווישן פאַשיסטן און ניט־פאַשיסטן, וועט זיין אימשטאַנד צו פאַרניכטן די מאַכט פון די שאַרקס אין אונזער לאַנד און צו צווינגען, אַז עס זאָלן ערפילט ווערן די פאַרשפּרעכנס, וואָס מען האָט מיט יאָרן צוריק געמאַכט צו די פאָלקס־מאַסן און זיי נישט געהאַלטן".

„די גרויסע מאַגנאַטן פון קאַפּיטאַל זיינען עס די יעניקע, וואָס שטערן דער פאַר־אייניקונג פון אונזער פאָלק דערמיט, וואָס זיי העצן די פאַשיסטן און די ניט־פאַשיסטן איינע קעגן די אַנדערע, כדי צו קענען אונז אַלעמען אומגעשטערט עקספּלואַטירן.

„מיר דערקלערן, אַז מיר זיינען גרייט צוזאַמען מיט אייך און מיט דעם גאַנצן פאָלק פון איטאַליע צו קעמפן פאַר דער דורכפירונג פון דער פאַשיסטישער פּראָגראַם פון יאָר 1919 און פאַר יעדער פאָדערונג, וואָס איז אין די אינטערעסן פון די אָר־בעטנדיקע און פון פאָלק אין איטאַליע.

„לאָמיר זיך איינע די אַנדערע אויסשטרעקן די הענט, קינדער פון איטאַליענישן פאָלק!

„לאָמיר זיך אויסשטרעקן איינע די אַנדערע די הענט, פאַשיסטן און קאָמוניסטן, קאַטאָליקן און סאָציאַליסטן, מענטשן פון אַלע ריכטונגען!

„לאָמיר אויסשטרעקן איינע די אַנדערע די הענט און מאַרשירן שולטער צו שולטער, אום אויסצוקעמפן רעכט אויף עקזיסטענץ אַלס בירגער פון אַזאַ ציוויליזירט לאַנד, ווי עס איז אונזער לאַנד! מיר האָבן אַלע דעם זעלבן ערגייץ: איטאַליע שטאַרק, פריי און גליקלאַך צו מאַכן!" . . .

די קאָמוניסטן האָבן דאָ, אַלזאָ, פולשטענדיק קאַפּיטולירט פאַר'ן פאַשיזם און פאַרראַטן די אַרבעטער, וואָס קעמפן קעגן פאַשיזם.

די גרעסטע געפאַר פאַר דער דיקטאַטור אין רוסלאַנד און אויך פאַר דער רוסישער מלוכה איז ביז הערבסט 1939 געווען היטלער. נישט דערפאַר וואָס ער איז אַ פאַשיסט און אַן אַנטיסעמיט. דאָס האָט אינטערעסירט סטאַלינען און וואָראָשילאָוו'ן ווי דער

פאר־א־יאריקער שניי, נאר בלויז דערפאר, וואס היטלער האט זיך געקליבן צו מאר־שירן אויף רוסלאנד. סטאלין און זיינע ארויסהעלפער האבן דעריבער געזוכט מיט אלע זייערע כחות צו קומען צו א פארשטענדיקונג מיט היטלער'ן און אזוי לאנג ווי דאס איז געווען אוממעגלאך צו דערגרייכן דערפאר, וואס היטלער האט ניט געוואלט האבן זיי זיך באמיט צו איזאלירן היטלער'ן און געווינען וואס מער די פריינטשאפט פון אנדערע לענדער, איבערהויפט פון די לענדער, וועלכע גרעניצן זיך מיט דייטש־לאנד, ווי אויך די פריינטשאפט פון געוויסע טיילן פון די נאציס אין דייטשלאנד גופא. כדי אט דעם ציל צו דערגרייכן, איז סטאלין געווען גרייט מקריב צו זיין אלע קאמו־ניסטישע פרינציפן, און ארויפצווינגען אויף די קאמוניסטישע פארטייען פון די אנדערע לענדער א „פאראייניקטן פראנט", אפילו מיט די פאשיסטן און די אנדערע פארביסענע פיינט פון פרייהייט, דעמאקראטיע און סאציאליזם, וועלכע זיינען נאר ניט קיין קעגנער פון סאוועט־רוסלאנד.

נאך אין אפריל 1937 האט ווילי שלאם, דער געוועזענער רעדאקטאר פון דער ווינער קאמוניסטישער „ראטהע פאהנע", געשריבן אין זיין בוך „די דיקטאטור פון ליגן", וואס איז ארוים אויף דייטש אין ציריך:

„עס וועט לאנג נישט דויערן און די העררן „פירער" (היטלער און סטאלין) וועלן זיך אייניקן אויף א רעאליסטישן נישט־אנגריף אפמאך. היטלער וועט גאראנ־טירן סטאלינ'ס רוסישן נאציאנאל־שטאאט און סטאלין וועט איבערלאזן אייראפע צום היטלער־שיקזאל. די גלויביקע ווילן עס נישט גלויבן; אבער די נאענטע צוקונפט וועט זיי נישט פארהיטן פון אט דעם שאק. שוין זעען זיך די שטריכן (פון דעם קו־מענדן בונד). ווער עס איז פייג און שוואך מאכט צו זיינע אויגן אויף דעם. ביי אונז זיינען די אויגן אפן" . . .

און שלאם איז ווייט ניט געווען דער איינציקער סאציאליסט, וואס האט פאר־אויסגעזאגט אט דעם בונד צווישן סטאלינ'ען מיט היטלער'ן. היטלער האט אבער א לאנגע צייט ניט געוואלט דעם שידוך מיט סטאלינען, דעריבער איז סטאלין געווען געצוואונגען צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט פראנקרייך און ענגלאנד וועגן ארגא־ניזירן א געמיינזאמען שוץ־פראנט נעגן נאצי־דייטשלאנד און צו שטיצן די אנטי־פאשיסטישע און אנטי־נאצישע באוועגונג אין די פרייע דעמאקראטישע לענדער. די סאוועטישע פרעסע אין רוסלאנד און די קאמוניסטישע פארטייען אין אייראפע און אין אמעריקע האבן ניט אויפגעהערט צו רופן צו א פארניכטונגס־קאמף קעגן פאשיזם און נאציזם. זיי האבן כסדר געהאלטן אין איין באשולדיקן די סאציאליסטן פון די פרייע לענדער, אז זיי העלפן היטלער'ן און דעם פאשיזם דערמיט, וואס זיי אנטזאגן זיך אריינצוגיין אין א פאראייניקטן פראנט מיט די קאמוניסטן אום מיט פאראייניקטע כחות קעמפן קעגן נאצי־דייטשלאנד. זיי האבן זיך באמיט מיט אלע זייערע כחות צו שאפן דעם איינדרוק, אז די קאמוניסטן זיינען די איינציקע, וואס באקעמפן אויף אן אמת דעם פאשיזם און דעם היטלעריזם.

דעם ערשטן מאי 1939, האט דער מאסקווער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל געשריבן אין זיין אויפרוף צו די ארבעטער פון דער וועלט:

„די פעלקער גלויבן ניט די פארזיכערונגען פון די פאשיסטישע מלחמה־טרייבער, זיי גלויבן ניט זייערע ארויסהעלפער. די פעלקער נויטיקן זיך ניט אין ווערטער, נאר אין טאטן. זיי פאדערן אן ענטשיידנדן ווידערשטאנד קעגן די פאשיסטישע אגרעסארס.

„גלויבט ניט, ארבעטער, די יעניקע, וואס זאגן, אז די פאשיסטישע מלחמה־

אונטערצינדער איז ניט מעגלאך איינצוצאמען. ניט דערפאר פאלן די פאשיסטישע גזלנים אן אויף יענע פעלקער, וואס זיי זיינען שטארק. זיי בינדן אויף די מלחמה דערפאר, וואס זיי ווערן דערשטיקט פון די ווידערשפרוכן פון זייער אינערלאכן רע־זשים. זיי דארפן האבן מלחמות, כדי צו ראטעווען זיך פון דעם אנקומענדן פאליטישן און עקאנאמישן באנקראט פון דער פאשיסטישער דיקטאטור. זיי ווילן איינלעשן דעם אויפרייס פון ענטריסטונג פון זייערע אייגענע פעלקער מיט דעם טומל פון דיפלאמאטישע און מיליטערישע „זיגן”. אבער וואס מער טעריטאריעס זיי פארכאפן, אלץ שטארקער מינעווען זיי אונטער דעם באדן אונטער זיך . . .

„קיינמאל וועלן די פעלקער ניט שלום מאכן מיט דער פאשיסטישער קנעכטשאפט, וואס איז אויף זיי ארויפגעצוואונגען געווארן דורך דער מאכט פון ביקס. ביי דעם ערשטן ערנסטן צוזאמענשטויס פון דעם פאשיזם מיט א שטארקן מיליטערישן קעגנער, וועט פון דער פארפוילטער פאשיסטישער סיסטעם, פון די אלע „בונדן” און „פרא־טעקטאראטן” קיין שריד ופליט ניט פארבלייבן”.

אין געהיים האט אבער סטאלין אויף איין מינוט ניט אויפגעהערט צו ארבעטן פאר א באנייאונג פון זיין פריינדשאפט מיט היטלער'ן. ער האט געהאלטן אין איין שיקן געהיימע שילוחים קיין בערלין צו אונטערהאנדלען מיט די פירער פון די נאצים וועגן א פריינדשאפטס־אפמאך צווישן סאוועט־רוסלאנד און נאצי־דייטשלאנד. די פירער פון רייכסווער, די דייטשע גרויסע אינדוסטריעלער און א טייל זאגאר פון די נאצי־פירער גופא זיינען די גאנצע צייט געווען פאר א בונד מיט סאוועט־רוסלאנד. היטלער אבער האט א לאנגע צייט נישט געוואלט הערן פון דעם.

7. — דער קאָמונאַציִשער בונד. — רויטער פאַשיזם און ברוינער באָלשעוויזם

מיט א צוויי־דריי יאָר צוריק איז אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע דערשינען א באַריכט פון דייטשלאַנד, אז היטלער איז גרייט צו שליסן א בונד מיט סטאַלינ׳ען, נאָר ער שטעלט דערביי די פאָלגנדע דריי באַדינגונגען:

ערשטנס, אַז די סאָוועט־רעגירונג זאָל אויפגעבן איר אָפּמאַך מיט פראַנקרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע.

צווייטנס, אַז זי זאָל באַזייטיקן דעם „אידישן איינפלוס" אין דער סאָוועט־רעגירונג.

דריטנס, אַז מאָסקווע זאָל אויפלעזן דעם קאָמינטערן און אויפהערן שטיצן די דייטשע קאָמוניסטן.

סטאַלין האָט דעריבער זיך גענומען דורכפירן אין רוסלאַנד אזא פּאָליטיק, וואָס זאָל געפינען חן אין היטלער׳ס אויגן און באַוואויגן אים צו שליסן א בונד מיט מאָסקווע געגן די פאַרהאַסטע „קאַפּיטאַליסטישע אזוי־גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער". (מיט די ווערטער האָט סטאַלין אין זיינע רעדעס שטענדיק באַצייכנט ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע).

ער האָט קודם כל אויסגעשאָסן די אַלע אַלטע באָלשעוויקעס, די סאָוועטישע־דיפּלאָמאַטן און די הויפּט־פירער פון דער רויטער אַרמיי, וואָס זיינען געווען געגן א בונד מיט נאַצי־דייטשלאַנד. דערנאָך האָט ער אויסגעשאָסן אַלע קאָמוניסטישע פירער פון דייטשלאַנד, עסטרייך, פּוילן און אונגאַרן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד, און גלייכצייטיק מיט דעם האָט ער אויך באַזייטיקט דעם „אידישן איינפלוס" אין דער סאָוועט־רעגירונג. כמעט אַלע אידן, וואָס האָבן פאַרנומען אָנפירנדע פּאָסטענס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין סאָוועטישן מלוכה־אַפּאַראַט זיינען באַזייטיקט געוואָרן און די מערסטע פון זיי זיינען אויך פיזיש ליקווידירט געוואָרן. עס זיינען אפילו ליקווידירט געוואָרן אויך די יעניגע פון די אידישע קאָמוניסטישע טוער, וואָס זיינען געווען די געטרייסטע סטאַליניסטן און וואָס האָבן סטאַלינ׳ען קיינמאָל ניט געקאָנט שטיין אין וועג. מיט דער באַזייטיקונג פון ליטווינאָוו׳ן איז די סאָוועט־רעגירונג געוואָרן כמעט אינגאַנצן „אידן־ריין". און כדי צו צייגן היטלער׳ן, אז סטאַלין גיט נאָך אַלע זיינע פאָדערונגען, האָט די סאָוועט־רעגירונג זיך ענטזאָגט אריינצולאָזן אין רוסלאַנד די אַלע קאָמוניסטישע פליכטלינגע פון דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס האָבן געזוכט צו ראַטעווען זיך פון די בלוטיגע נעגל פון היטלער׳ס געסטאַפּאָ. סטאַלין האָט אויך פאַרהאַקט די טויערן פון רוסלאַנד פאַר אַלע אידישע פליכטלינגע פון דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, און האָט ארויסגעטריבן פון לאַנד אפילו די ביסל אידישע דאָקטוירים, אינזשינערן און טעכניקער פון דייטשלאַנד און עסטרייך, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד מיט א פּאָר יאָר פריער.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט דעם איין איינציקן צוועק צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר א בונד מיט היטלער׳ן. היטלער האָט אָבער אַלץ זיך געקווייקלט. ער האָט געהאָפט, אז אים וועט געלינגען צו פּועל׳ן ביי ענגלאַנד און פראַנקרייך, אז מען זאָל אים דערלויבן אָן א מלחמה אוועקצונעמען ביי פּוילן דאַנציג און דעם קאָרידאָר. ער איז געווען זיכער, אז ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן ניט ריזיקירן

מיט אַ מלחמה צוליב פּוילן. ער האָט דערוואַרטעט אַ צווייטן „מינכען". דערפֿאַר האָט ער זיך ניט געאײַלט צו שליסן דעם שידוך מיט סטאַלינ'ען. כדי צו צווינגען היטלער'ן, אַז ער זאָל ענדליך אײַנגיין אויף אַ בונד מיט סאָוועט־רוסלאַנד, האָט די סאָוועט־רעגירונג אײַנגעלאַדן קיין מאָסקווע פֿאָרשטייער פֿון דער ענגלישער און פֿראַנצויזישער רעגירונגען און זאַגאַר מיליטערישע מיסיעס פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך צו אונטערהאַנדלען מיט זיי ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם שוץ־פֿראָנט קעגן נאַצי־דײַטשלאַנד. די קאָמוניסטישע צײַטונגען איז גלײַכצײַטיק געגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל צו פֿאַרשטאַרקן די אַטאַקעס אויפֿ'ן פֿאַשיזם און רופֿן צו אַ פֿאַרניכטונגס־קריג קעגן נאַצי־דײַטשלאַנד.

די מאָסקווער „פּראַוודאַ", סטאַלינ'ס הויפּט־אָרגאַן האָט נאָך אין נומער פֿון 14טן אויגוסט 1939 געשריבן:

„די באָלשעוויקעס זײַנען ניט קיין פּאַציפֿיסטן. דער פֿרידן וועט ווירקזאַם ניט פֿאַרטיידיקט ווערן דורך מאַכן הנחות צו דעם אָנגרײַפֿער און דורך אַ פּאַרזוך אים צו באַפֿרידיקן, נאָר בלויז דורך דעם, וואָס מען וועט אויף יעדן קלאַפּ פֿון די קריגס־טרײַבער ענטפֿערן מיט צוויי צוריק. די פֿאַשיסטישע מעכטע האָבן צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיט די אַזוי־גערופֿענע דעמאָקראַטישע לענדער. אָבער זיי מאַכן דעם רעכענונג אָן דעם באַלעבאָס. אין דער גאַנצער וועלט וואַקסט דער צאָרן קעגן דעם פֿאַשיזם און זײַנע באַשיצער. די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער און פּויערים, פֿון די קלײנבירגער און אינטעלעקטועלן, און די האָפֿענונגען פֿון די קלײנע מלוכות, פֿון די קאָלאָניעס און פֿון דעם פּראָטעקטאָראַט דערהויבן זיך קעגן דעם פֿאַשיזם. די מלחמה פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קעגן דעם פֿאַשיזם וועט זײַן די גערעכטסטע און די אַם שטאַרקסטן באַרעכטיקסטע פֿון אַלע מלחמות. דאָס וועט זײַן אַ קריג פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון דער מענטשהייט פֿון פֿאַשיזם, פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון די פֿאַרשקלאַפֿטע פֿעלקער, פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, פֿאַר דער באַשיצונג פֿון דער קולטור און פֿון דעם מענטשלאַכן פֿאָרטשריט קעגן דער פֿאַשיסטישער באַרבאַרײַ.

„דער בעסטער וועג זיך צו פֿאַרטיידיקן איז אָנצוגרײַפֿן און פֿאַרניכטן דעם פֿײַנד אין זײַן אײגענעם לאַנד. דאָס פֿאָלק פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פֿאַראייניקט אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם גרויסן קריגס־פֿירער סטאַלין וועט וואַרפֿן קעגן די פֿאַשיסטישע באַראַבן די גאַנצע מאַכט פֿון די אײַזערנע באַטאַליאָנען פֿון דער רויטער אַרמיי און פֿון זײַן הויך־ענטוויקלטער טעכניק".

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען היטלער האָט זיך איבערצײַגט, אַז קיין צווייטער „מינכען" וועט ניט זײַן, און אַז ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך זײַנען ענטשלאָסן נישט צו דערלאָזן אים פֿאַרכאַפּן פּוילן און ווערן דער הערשער איבער גאַנץ אײראָפּע, האָט ער געלאָזט וויסן סטאַלינ'ען, אַז ער איז ענדלאַך אײַנשטימיג צו שליסן מיט אים אַ פֿאַראײניגטן פֿראָנט קעגן די פֿאַרהאַסטע אײראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס.

אין 9 טעג אַרום, נאָכדעם ווי עס איז דערשינען דער אויבן־ציטירטער אַרטיקל אין דער „פּראַוודאַ", האָט סטאַלין אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט היטלער'ן.

היטלער האָט זיך אין די נײַן טעג ניט געענדערט, דער פֿאַשיזם האָט זיך נישט געענדערט און דער „צאָרן און דער האַס פֿון דער גאַנצער וועלט קעגן דעם פֿאַשיזם און זײַנע באַשיצער" זײַנען דורך דער צײַט ניט קלענער, נאָר גרעסער געוואָרן. אָבער אַנשטאָט דער „גרויסער קריגס־פֿירער סטאַלין" זאָל אַרויפֿוואַרפֿן „די גאַנצע מאַכט

פון זיינע אייזערנע באטאליאנען" אויף די פאשיסטישע בארבארן אום צו פארניכטן דעם פאשיסטישן פיינד אין זיין אייגענעם לאנד און „באפרייען די מענטשהייט פון פאשיזם, פארטיידיקן די אינטערעסן פון פראלעטאריאט און באשיצן די קולטור און דעם מענטשלאכן פארטשריט קעגן דער פאשיסטישער בארבאריי", ווי די „פראוודא" האט עס פארשפראכן דעם 14טן אויגוסט 1939, האט ער זיך דעם 23טן אויגוסט 1939 גאר פאראייניגט מיט די פאשיסטישע בארבארן צו העלפן זיי פארשקלאפן די מענטשהייט, אויס'הרג'ענען מיליאנען פראלעטאריער און פארניכטן די קולטור און דעם מענטשלאכן פארשריט.

איינע פון די באדינגונגען פון דעם געהיימען אפמאך, וואס סטאלין האט געשלאסן מיט היטלער'ן איז געווען צו פארניכטן די אומאפהענגיגע פוילן און צוטיילן זיך דערנאך מיט'ן רויב. דאס איז געווען דער פרייז, פאר וועלכן סטאלין האט פארראטן פראנקרייך און ענגלאנד. אלעס, וואס סטאלין האט דערנאך געטאן, איז אויסגערעכנט געווען צו העלפן היטלער'ן. היטלער האט באשלאסן וואס דער נעקסטער שריט זאל זיין און סטאלין האט עס דורכגעפירט. סטאלין האט אונטערגעשריבן דעם אפמאך מיט פאן־ריבענטראפ'ן, כדי היטלער זאל קענען גלייך אנפאנגען זיין פאגראם אויף פוילן און ווען די העלדישע באפעלקערונג פון דער באלאגערטער ווארשע האט זיך ענטזאגט אונטערצוגעבן זיך צו די נאצישע מערדער, האט היטלער באפוילן סטאלינ'ען אנצופאלן אויף דער פוילישער ארמיי פון הינטן, און סטאלין האט דעם באפעל גלייך אויסגעפאלגט. סטאלין און מאלאטאוו האבן זייער אנפאל אויף פוילן באַרעכטיקט דערמיט, וואס סאוועט־רוסלאנד „באטראכט עס פאר איר הייליקער פליכט אויסצושטרעקן א העלפנדע האנט צו אירע בלוט־ברידער אוקראינער און ווייס־רוסן, וואס באפעלקערן פוילן, צו נעמען אונטער דער שוץ פון דער רויטער ארמיי די לעבנס און דאס אייגנטום פון דער באפעלקערונג פון מערב־אוקראינע און מערב־ווייס־רוסלאנד". אזוי האט מאלאטאוו דערקלערט אין זיין רעדע. אויך אט דעם היפאקריטישן תירוץ האט נישט קיין אנדערער ווי היטלער מאלאטאוו'ן און סטאלינ'ען אריינגעלייגט אין מויל. דאס איז דאך היטלער'ס טאקטיק די גאנצע צייט געווען צו שרייען וועגן דער „אונטערדריקונג" פון זיינע „ברידער" דייטשן אין יעדן לאנד, וועלכן ער האט געפלאנעוועט צו פארכאפן. די דאזיקע טעכניק האט היטלער אנגעווענדעט פריער אין עסטרייך, דערנאך אין טשעכאסלאוואקיע און שפעטער אין פוילן, און קיינער האט פריער אזוי שטארק ניט פארדאמט די נאצים פאר באנוצן זיך מיט אזוינע פאלשע היפאקריטישע תירוצים אויף צו פארכאפן פרעמדע לענדער, ווי דאס האט געטאן די סאוועטישע פרעסע. אין דער צייט, ווען די סאציאליסטישע מיליץ און די אנדערע פארטיידיקער פון דער פוילישער הויפט־שטאט האבן ארויסגעוויזן אזא זעלטענעם העלדנמוט און זיינען געווען אנטשלאסן צו קעמפן ביז'ן סוף און ניט אונטערגעבן זיך צו די נאצי־מערדער, האט די סאוועטישע ארמיי מארשירט פון שטאט צו שטאט און פון דארף צו דארף און געהאלפן היטלער'ן „ליקווידירן" די קעמפנדע פוילישע ארמייען.

אונטער דעם האגל פון די מערדערישע קוילן און שראפנעלן פון די פאראייניקטע קאמונאצישע ארמייען איז איין פוילישע פעסטונג נאך דער צווייטער געפאלן.

דאס געקרייציגטע פוילן איז פון די צוויי רויבער צעריסן געווארן אויף שטיקער אן וועלכער עס איז איינזועניש פאר נאציאנאליטעט. ווען די רויטע ארמיי האט אנגעפאנגען איר מארש אויף פוילן, האט מאלאטאוו דערקלערט, אז סאוועט־רוסלאנד

גיט קיין פוילן באפרייען אירע „בלוט-ברידער", די אוקראַינער און ווייס־רוסן (די אַמעריקאַנער אידישער קאָמונאַציס האָבן נאָך צוגעלעגט צו דעם אַ מיליאָן אידן, כאָטש די אידן זיינען דאָך ניט קיין „בלוט-ברידער" פון די סלאַוון און וועגן דער „באפרייאונג" פון די אידן איז אין די רעדעס פון די סאָוועטישע פירער און אין דער סאָוועטישער פרעסע גאָר מיט קיין וואָרט עד־היום ניט דערמאָנט געוואָרן). באַלד אָבער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז סטאַלין האָט באַשלאָסן צו „באפרייען" ניט נאָר די אוקראַינער און ווייס־רוסן, נאָר אויך די פאָליאַקן אַליין. ער האָט פארנומען אַיין פוילישן געגנט נאָך דעם צווייטן, און פארוואַנדלט די פוילישע באפעלקערונג אין שקלאַפן פון דער נאַצישער און סאָוועטישער דיקטאַטור.

סטאַלין האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט היטלער'ן פארניכטעט פוילן און פארשקלאַפט דאָס פוילישע פאָלק. ער האָט אויך פאַקטיש פארניכטעט די אומאָפּהענגיקייט פון די קליינע באַלטישע רעפובליקן און ער אַרבעט האַנט אין האַנט מיט היטלער'ן קעגן די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער.

צווישן סטאַלינ'ס רויטן פאַשיזם און היטלער'ס ברוינעם באָלשעוויזם איז איצט מער גיטאָ קיין שום אונטערשייד. די מאָסקווער „איזוועסטיאַ", הויפּט־אָרגאַן פון דער סאָוועט־רעגירונג איז דעם 8טן אָקטאָבער 1939 ארויסגעקומען מיט אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן זי האָט דערקלערט, אַז „פיינדשאַפט צום היטלעריזם איז אַ גע־שמאַק־זאַך און, אַז „קעמפן פאַר דער פארניכטונג פון דעם היטלעריזם מיינט באַגיין אַן אַקט פון משוגעת".

מען קאָן זאָגן אָן שום איבערטרייבונג, אַז דאָס וואָס עס טיילט אָפּ דעם פאַשיזם און נאַציזם פון דעם קאָמוניזם איז אַ קליינינקייט אין פארגלייך מיט דעם, וואָס עס פאראייניקט זיי. מוסאָליני האָט די גאַנצע טעכניק פון פאַשיזם פון „א" ביז „ת" איבערגענומען פון לענינען. דאָס האָט מוסאָליני אַליין מיט איינינקע יאָר צוריק עפנטלאַך דערקלערט. היטלער, ווידער, האָט אַלץ איבערגענומען פון מוסאָליני'ן און פון סטאַלינ'ען. נישט נאָר זיינען די פאַשיסטישע און נאַצישע פארטייען און מלוכה־אָרגאַניזאַציעס געבויט אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי די באָלשעוויסטישע, נישט נאָר ווענדן די פאַשיסטישע און נאַצישע רעגירונגען אָן די זעלבע טעכנישע מעטאָדן פון הער־שאַפט, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג, נאָר זיי באַנוצן זייער אָפט אפילו איין און די זעלבע טערמינאָלאָגיע. אין דער קאָמוניסטישער סאָוועט־רוסלאַנד איז פונקט אַזוי ווי אין דער פאַשיסטישער איטאַליע און אין נאַצישער דייטשלאַנד — די פרייהייט פון דער מענטשלאַכער פערזענלאַכקייט, די פרייהייט פון געוויסן, די פרייהייט פון פרעסע, פון רעדע און פון פארזאַמלונגען, אינגאַנצן אונטערדריקט, די אַרבעטער האָבן דאָרט ניט קיין רעכט צו אָרגאַניזירן זיך אין פרייע געווערקשאַפטן, אָדער אין וועלכע עס איז אַנדע־רע אונאָפּהענגיגע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע אָדער קולטורעלע פאַראיינען. דער סאָוועטי־שער פּאַרלאַמענט איז פונקט אַזאַ שווינדל ווי היטלער'ס רייכסטאַג. סטאַלין, פונקט ווי היטלער און מוסאָליני, דערלויבט ניט דאָס פאָלק פריי צו ווײלן זיינע פאַרטרעטער. יעדע אָנצוהערעניש אויף אָפּאָזיציע צום „פירער" ווערט אין די אַלע דריי לענדער גלייך אונטערדריקט מיט בלוט און אייזן. די קאָמוניסטן זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן איבעראַל אויסגעשפּרייט דעם וועג פאַר'ן פאַשיזם, און געצייגט די פאַ־שיסטן ווי אַזוי מען קען מיט דער הילף פון באַיאָנעטן, דורך ליגן, שווינדל און גרויזאַמען טעראָר פארשקלאַפן אַ לאַנד און אָנהאַלטן די מאַכט קעגן דעם ווילן פון דער ריזיקער מערהייט פון דער באַפעלקערונג. אין סאָוועט־רוסלאַנד איז איינגעפירט די

זעלבע שקלאַפערײַ פאַר דעם אַרבעטער אויף דער פאַבריק ווי אין נאַצי־דײַטשלאַנד און אין דער פאַשיסטישער איטאַליע. אין די אַלע דרײַ לענדער עקזיסטירט די זעלבע סיסטעם פון טאָטאַליטאַרן שפּיאָנאַזש. די סאָוועטישע גע־פּע־או אונטערשיידט זיך אַ האָר ניט פון דער נאַצישער געסטאַפּאָ. אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין נאַצי־דײַטשלאַנד זײַנען אײַנגעפירט די זעלבע קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר סאָציאַליסטן, ליבעראַלן און דעמאָקראַטן. אַפילו דער טיטול פון דעם דיקטאַטאָר איז אין אַלע דרײַ לענדער אויך דער זעלבער — „פירער", וואָס איז אויף רוסיש „וואָזשד" און אויף איטאַליעניש „דוטשע". די פּרעסע איז אין אַלע דרײַ לענדער גלײַכגעשאַלטעט. דאָס הייסט, זי איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון די דיקטאַטאָרס. זי מוז שרײַבן דאָס, וואָס דער דיקטאַטאָר און זײַנע ליוטענאַנטן פאַרלאַנגען פון איר. זי טאָר נישט שרײַבן דעם אמת, ווען דאָס קען בײַ די לעזער אַרויסרופן דעם קלענסטן צווייפל אין דער ריכטיקייט פון דער אָדער יענער האַנדלונג פון דעם דיקטאַטאָר. די פּרעסע פון דער קאָמוניסטישער, פאַשיסטישער און נאַצישער דיקטאַטורן, פּונקט ווי דער ראַדיאָ און די מואוויס, שטייען אויסשליסלאַך אין דינסט פון דעם דיקטאַטאָר. זיי מוזן טאָן אַלץ די דיקטאַטור צו פאַרטיידיקן, די מעשים פון דעם דיקטאַטאָר און פון זײַנע ליוטענאַנטן צו פאַרהערלאַכן און דעם „פירער" אַליין צו פאַרגעטערן. קיין פרייע מיינונג ווערט ניט געדולדעט. אין סאָוועט־רוסלאַנד איז נאָך פיל מער ווי אין נאַצי־דײַטשלאַנד און אין דער פאַשיסטישער איטאַליע די מיינונג אויך מאָנאָפּאָליזירט פון דעם דיקטאַטאָר. אַלע מוזן דענקען אַזוי ווי דער דיקטאַטאָר הייסט. דער קאָמוניזם, פּונקט ווי דער פאַשיזם, לייקנט אָפּ דאָס רעכט אויף אַ פרייער מענטשלאַכער עקזיסטענץ, אויף אַ פרייען גייסטיקן לעבן און אויף אַ פרייער קולטורעלער שאַפונג. די קולטור און די ליטעראַטור איז אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד פּונקט אַזוי דערנידעריקט און פאַרשקלאַפט ווי אין נאַצי־דײַטשלאַנד און אַ סך מער ווי אין דער פאַשיסטישער איטאַליע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די אַנדערע לענדער און די אַלע „אומפּאַרטייאישע" אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן פון זיי קאָנטראָלירט, זײַנען ניט קיין פּריוואַטע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן אַן אייגענעם ווילן און קענען אַליין באַשליסן ווי אַזוי זיי זאָלן האַנדלען און וואָס פאַר אַ שטעלונג זיי זאָלן נעמען צו דער אָדער יענער פראַגע. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זײַנען אַגענטורן פון דער רוסישער סאָוועט־רעגירונג. זיי ווערן קאָנטראָלירט און אויסגעהאַלטן פון מאָסקווע. זיי זײַנען פאַראַנטוואָרטלאַך בלויז צו מאָסקווע און זיי פאָלגן פּינקטלאַך אויס אַלץ, וואָס דער מאָסקווער דיקטאַטאָר באַפעלט זיי. די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אַליין קיין דעה ניט איבער דער פּאָליטיק און טאַקטיק פון זייער פּאַרטיי. אַלע באַשלוסן ווערן אַרויפגעצוואונגען אויף זיי פון די פירער, און די קאָמוניסטישע פירער אַליין טאָרן אויך ניט האָבן קיין אייגענע מיינונג און קיין אייגענעם ווילן. זיי זײַנען געצוואונגען שטענדיק צו טראָגן אויף זיך אַ מאַסקע און כסדר צו זאָגן ליגן. זייער אויפגאַבע איז טאַקע אַ גאַנץ שווערע; אַלס אַגענטן פון דער רוסישער דיקטאַטור, זײַנען זיי געצוואונגען צו פאַרקויפן גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם צו אינטערנאַציאָנאַליסטן, רוסישן מיליטאַריזם צו פּאַסיפיסטן, סאָוועטישן טעראָר צו קעמפער פאַר „סיוויל ליבערטיס", און דיקטאַטור צו די וואָס גלויבן אין דעמאָקראַטיע. די קאָמוניסטן זײַנען פאַראינטערעסירט צו באַקעמפן נאָר יענע פאַשיסטישע רעגירונג אָדער יענעם פאַשיסטישן דיקטאַטאָר, מיט וועמען סטאַלין איז אין דעם מאָמענט צעקריגט

אָדער פאַר וועמען ער האָט מורא. די קאָמוניסטן פירן אָבער ניט, און קענען ניט פירן, קיין ווירקלאַכן קאַמף קעגן פאַשיזם אַלס אַן אידעאָלאָגיע און אַלס אַ רעגירונגס־סיסטעם דערפאַר, וואָס דער פאַשיזם און דער נאַציזם הערשן מיט די זעלבע מעטאָדן, וואָס דער קאָמוניזם.

די קאָמוניסטן קענען אויף אַן אמת ניט פירן קיין קאַמף קעגן פאַשיזם דערפאַר, וואָס זיי אַליין זיינען פאַשיסטן, רויטע פאַשיסטן. לענין איז געווען דער אמת'ער רבי פון פאַשיזם. מוסאָליני און היטלער האָבן אין אַלץ נאָכגעטאָן די רוסישע באָלשעוויקעס, און סטאַלין האָט דורך זיינע בלוטיקע מעשים און דורך זיין קאָמינטערן מער ווי עמיצער אַנדערש געטאָן צו שטאַרקן און פאַרשפּרייטן דעם פאַשיזם אויף דער וועלט. אַלץ וואָס די קאָמוניסטן האָבן ביז אַהער געפּריידיקט און געטאָן האָט געהאָלפן בלויז די פיינט פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע. כדי איינצוהאַלטן זייער דיקטאַטור איבערן רוסישן פאָלק, זיינען די סאָוועטישע הערשער גרייט מקריב צו זיין ניט נאָר די דייטשע אָדער איטאַליענישע אַרבעטער און די קאָמוניסטן פון אַלע לענדער, נאָר די גאַנצע וועלט.

די דיקטאַטאָרן באַמיען זיך נישט נאָר צו פעלשן די געשיכטע, נאָר זיי נאַרן אויך כסדר דעם עולם מיט אומזיסטע שרעק. עס איז נ[illegible]ית, אַז מוסאָליני האָט געראַטעוועט איטאַליע פון אַ באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, אָדער אַז היטלער האָט געראַטעוועט דייטשלאַנד פון אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, און עס איז אויך אַ ליגן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן געראַטעוועט רוסלאַנד פון אַ מאָנאַרכיסטישער איבערקערעניש. ווען מוסאָליני האָט איינגעפירט זיין דיקטאַטור, האָבן די איטאַליענישע אַרבעטער שוין כמעט אינגאַנצן זיך געהאַט אויסגעניכטערט פון די באָלשעוויסטישע אילוזיעס. אין דייטשלאַנד האָט אין יאָר 1933 נישט עקזיסטירט קיין שום קאָמוניסטישע געפאַר, און נאָך קלענער איז געווען די געפאַר פון אַ מאָנאַרכיסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד אין נאָוועמבער 1917, איידער לענין און טראָצקי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט.

לענין, טראָצקי, סטאַלין, מוסאָליני און היטלער האָבן טאַקע געטאָן אַלעס אין דער וועלט אויסצוראָטן אין זייערע לענדער אַלע געוועזענע פירער און אַקטיווע טוער פון די סאָציאַליסטישע און ליבעראַלע פאַרטייען. און מען מוז צוגעבן, אַז אויף דעם געביט זיינען די דיקטאַטאָרן פון רוסלאַנד, איטאַליע און דייטשלאַנד ביז אַהער געווען זייער דערפאָלגרייך. פון דעם איז אָבער נאָך נישט געדרונגען, אַז אין די לענדער פון דיקטאַטור זיינען פאַרבליבן נאָר פאַשיסטן און קאָמוניסטן און אַז נאָך די פאַשיסטן מוזן קומען קאָמוניסטן און נאָך קאָמוניסטן — מאָנאַרכיסטן אָדער פאַשיסטן.

עס איז נישטאָ קיין שום אורזאַך אין דער וועלט, וואָרום נאָך מוסאָליני'ן זאָל אין איטאַליע קומען אַ קאָמוניסטישע דיקטאַטור. דער קאָמוניזם האָט קיין שום איינפלוס נישט צווישן די איטאַליענער. אפילו די יעניקע איטאַליענישע אַרבעטער, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון רוסישן באָלשעוויזם, האָבן זיך שוין אויך לאַנג אויסגעניכטערט, און אויף וויפיל זיי זיינען געשטימט אָפּאָזיציאָנעל צום פאַשיסטישן רעזשים, בענקען זיי נאָך אַ רעזשים פון פרייהייט און נישט נאָך אַ נייער דיקטאַטור. די דיקטאַטור קריכט זיי שוין פון האַלדז.

אין דייטשלאַנד זיינען וואַרשיינלאַך עד היום פאַראַן אַ סך מער קאָמוניסטן, ווי אין איטאַליע, אָבער די ריזיקע מערהייט פון די דייטשן, וואָס זיינען קעגן היטלער'ן, זיינען אויך קעגן אַ קאָמוניסטישער דיקטאַטור. די קאָמוניסטן זיינען און ווען

אימער פארבלייבן אַ קליינע מינדערהייט אין דייטשלאַנד. מעגלאַך, אַז נאָך היטלער'ן וועט קומען אַ קאָנסערוואַטיווער רעזשים, אָבער אויך דער קאָנסערוואַטיווער רעזשים וועט מוזן, אום איינצוהאַלטן זיין מאַכט, טיילווייז אָפּשאַפן די דיקטאַטור און צוריק־געבן דעם פאָלק וויניקסטנס אַ טייל פון די פרייהייטן און רעכט, וועלכע היטלער האָט ביי אים אָוועקגערויבט. די ברייטע מאַסן פון רוסישן פאָלק לעבט זיך גאָרנישט אַזוי גליקלאַך אונטער דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, אַז די דייטשן זאָלן וועלן ביי זיך איינפירן אַזאַ אָרדנונג, ווי אין רוסלאַנד.

די קאָמוניסטישע דיקטאַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד וועט אויך געוויס אייביק נישט עקזיסטירן. וואָס פאַר אַ סאָרט אָרדנונג רוסלאַנד וועט האָבן נאָך דעם באָלשעוויזם איז, נאַטירלאַך, אוממעגלאַך פאָראויסצוזאָגן. איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז דער צאַריזם וועט זיך אין רוסלאַנד מער נישט צוריקקערן, ווייל עס זיינען דאָרטן מער נישטאָ יענע קלאַסן, אויף וועלכע דער צאַריזם האָט זיך די גאַנצע צייט געשטיצט. פאַשיזם, ווידער, עקזיסטירט פאַקטיש איצט אין רוסלאַנד. דער רעזשים, וואָס וועט קומען נאָכ'ן באָלשעוויזם, וועט מוזן זיין אַ פרייערער ווי דער איצטיקער, ווייל אַנדערש וועט ער נישט קענען האָבן די שטיצע פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

אַלע מענטשן, וועמען עס זיינען טייער די אידעאַלן פון פרייהייט און דעמאָ־קראַטיע, אַלע די, וואָס ווילן געניסן די ברכות פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס מוזן קעמפן מיט לייב און נשמה קעגן אַלע דיקטאַטורן — קעגן פאַשיזם, נאַציזם און קאָמוניזם, ווייל זיי אַלע זיינען ביטערע שונאים פון אמת'ער דעמאָקראַטיע און אמת'ער מענטשלאַכער פרייהייט.

ע נ ד ע